בעזרת השם יתברך

ספר

# פְּרֵיילֶכֶע טֶעג

חַג הַסֻּכּוֹת

# היכל הקוד״ש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקוד״ש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקוד״ש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקוד״ש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקוד״ש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקוד״ש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקוד״ש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקוד״ש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקוד״ש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע״י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

בעזרת השם יתברך

ספר

# פְרֵייליכֶע טֶעג

בְריוו און שִיעורים פול מִיט הִתְחַזְקות, עֵצות און הַדְרָכָה,
ווי אַזוי יֶעדֶער איד אָן אויסְנָאם קֶען זוכֶה זַיין אויסְצוּנוּצְן ריכְטִיג
די פְרֵייליכֶע טֶעג פון סֻכּות, הושַענָא רַבָּה, שְמִינִי עֲצֶרֶת
און שִמְחַת תורָה.

גֶעבויט אויף די וֶוערְטֶער פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן,

אֲדונֵינו מורֵנו וְרַבֵּנו **רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב** זְכותו יָגֵן עָלֵינו

און אויף די וֶוערְטֶער פון זַיין תַלְמִיד

מורֵנו הַגָאון הַקָדוש **רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב** זְכותו יָגֵן עָלֵינו

און אויף די וֶוערְטֶער פון זֵייעֶר תַלְמִיד
וָואס הָאט אַרֵיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרע הֵיילִיגֶע לִימודִים
אִין די גַאנְצֶע וֶועלְט

כְּבוד קְדושַת מָרָן **מוהֲרָא"ש** זְכותו יָגֵן עָלֵינו

גֶעפְלַאכְטְן מִיט פְסוקִים פון תורָה, נְבִיאִים וּכְתובִים,
און מַאֲמָרִים פון די הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פון די גְמָרָא,
מִדְרָשִים און זוהַר הַקָדוש.

אַרויסְגֶעגֶעבְּן דורְךְ
חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב, עִיר הַקודֶש יְרושָלַיִם תובְבָ"א

# הַקְדָּמָה

ברוב שבח והודאה שטעלן מיר פאר פאר די חשוב'ע ליינער א הערליכן קונטרס מעט הכמות ורב האיכות, וועלכע ענטהאלט בריוון און שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א בעניני חג הסוכות, ד' מינים, הושענא רבה און שמחת תורה.

די קונטרס ענטהאלט דאס פאלגנדע:

- איסצוגן פון בריוון פון לעצטנס, און פריערדיגע יארן, בענייגא דיומא.
- א צאל דרשות וואס זענען געזאגט געווארן דורכאויס דעם יום טוב סוכות, און במשך די הושענות אום הושענא רבה

קראו - ותחי נפשכם!
בברכת גמר חתימה טובה און א גוט קוויטל

**מכון עצתו אמונה**

מיט ליב און דאנק צום אייבערשטן טוען מיר מעלדן אז מען קען שוין

איבערגעבן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א נדבות פאר "עצתו אמונה חלק ז'",

אדער קען מען זיך ווענדן צו מוה"ר ישעי' איידליס הי"ו אויף 1-347-831-1391

אדער קען מען שיקן אן אימעיל צו maebreslev@gmail.com;

חכם לב יקח מצוות!

מכון עצתו אמונה
הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

# אִינְהַאלְט

הַקְדָמָה ............ ד


## הֲכָנָה צוּם יוֹם טוֹב סֻכּוֹת

אַן עֵצָה צוּ הָאבְּן שֶׁפַע אוֹיף יוֹם טוֹב ............ ז
זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי ............ ט
מַיין זַאךְ אִיז סֻכּוֹת ............ יא
זִיךְ מְדַבֵּק זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי אַלֶע מִצְוֹת ............ יג
לֶערְנֶען דִי שִׁעוּרִים אֲפִילוּ אִין דִי גַאר פַּארְנוּמֶענֶע טֶעג ............ יג
אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין יוֹם טוֹב ............ יד
יֶעדֶע מִצְוָה אוּן נוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין אִיז מוֹרא׳דִיג חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל ............ יד
וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה, גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע דִינִים פוּן אִים ............ טו
גֶעבְּן צְדָקָה עֶרֶב סוּכּוֹת ............ טז


## חִזּוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיפְ׳ן יוֹם טוֹב סֻכּוֹת

אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ............ יח
אַ אִיד אַנְטְלוֹיפְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ............ יט
דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת ............ כא
אַ בָחוּר זָאל פַארְמָאגְן אֵייגֶענֶע ד׳ מִינִים ............ כא
קוּקְן אוֹיף דִי אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַאר דִי אוֹיגְן בְּרוּחָנִיּוֹת וּבְגַשְׁמִיּוֹת ............ כב
אוֹיסְנוּצְן רִיכְטִיג דִי טֶעג פוּן חוֹל הַמּוֹעֵד ............ כב
סְעוּדַת הִלּוּלָא בַּיים רֶבִּינְ׳ס יַארְצַייט ............ כד


## הוֹשַׁעְנָא רַבָּה

דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד – דֶער הָאט אַ לֶעבְּן ............ כו
רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הִיט אוּנְז פוּן לֵצִים ............ כז
בַּיים לֶערְנֶען אִיז דָא הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה ............ כז

## שִׂמְחַת תּוֹרָה

וֶוען צו מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשִׁיּוֹת וְזֹאת הַבְּרָכָה און בְּרֵאשִׁית......לב
שִׂמְחַת תּוֹרָה מַאכְט מֶען אַ פַּארְקֶערְטֶע הַגְבָּהָה......לז
דֶער רֶבִּי פּוּלְט אוּנְז אָן מִיט תּוֹרָה......לח
די סִיבָּה פַּארְוָואס מֶענְטְשְׁן שִׁיכּוֹר'ן זִיךְ אָן שִׂמְחַת תּוֹרָה......מ

## דְּרָשׁוֹת

אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן זַיין קְלוּג און נִישְׁט גֶערֶעכְט......מב
אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן קוּקְן גוּט אוֹיף מֶענְטְשְׁן......מו
אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן זוּכְן דָאס גוּטֶס פוּן זִיךְ און אַנְדֶערֶע......מט
אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן......סא
דְּרָשׁוֹת הוֹשַׁעְנָא רַבָּה......סט

# הֲכָנָה צוּם יוֹם טוֹב סֻכּוֹת

**אַן עֵצָה צוּ הָאבְּן שֶׁפַּע אוֹיף יוֹם טוֹב**

## שְׁאֵלָה:

אֵיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי חֳדָשִׁים זֵייעֶר אַסאךְ חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט פַאר דֶעם, אוּן דָאס נֶעמְט מִיךְ מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים. וְוִיפִּיל אִיךְ פְּרוּבִּיר אָפְּצוּצָאלְן אֵיין חוֹב, קוּמְט אַרוֹיף צְוֵויי פְּרִישֶׁע. יֶעצְט קוּמְט דִי יָמִים טוֹבִים, אִיךְ וְויל פָּארְן אוֹיף אוּמַאן, אוֹיךְ דַארְף אִיךְ קוֹיפְן אַ נֵייעֶ סוּכָּה אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרוּטָה צוּ דִי נְשָׁמָה. אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי חוֹבוֹת אָבֶּער דֶערְוַוייל זֶע אִיךְ נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה.

...

## תְּשׁוּבָה:

דֶער עִיקָר וָואס דֶער רֶבִּי וִויל פוּן אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מִיר וִוילְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, זָאלְן מִיר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּשִׂמְחָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "יֵשׁ עֲבֵירָה שֶׁעֳנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵירָה הַהִיא שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד", עֶס אִיז דָא עֲבֵירוֹת וָואס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ בַּעַל חוֹב; דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וַוייל דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פַארְשְׁטָאפְּט דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס וַוארְפְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ קַטְנוּת הַמֹּחַ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַז עֶר מוּז בָּארְגְן גֶעלְט, אוּן צוּם סוֹף בְּלַייבְּט עֶר נֶעבֶּעךְ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב.

דִי עֵצָה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן אַלֶע חוֹבוֹת אִיז, אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בֶּעט אִים אַז מֶען זָאל אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ יֶעדְן טָאג עֶר זָאל דִיר

הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְן שֶׁפַע און דוּ זָאלְסְט קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת. אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט מִתְפַּלֵל זַיין:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין קַטְנוּת און פוּן מַיין דַחְקוּת מִיט וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק; אִיךְ הָאבּ מִיךְ צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז אִיךְ זָאל אַרַיינְפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת דוּרְךְ מַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ טוּ, בִּפְרַט דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה וָואס אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז וֶוער עֶס אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז חַיָּיב מִיתָה. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס קוּמְט יֶעצְט יוֹם טוֹב און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיךְ דַארְף אַ סוּכָּה, אִיךְ דַארְף קוֹיפְן ד' מִינִים און אַלֶע צָרְכֵי יוֹם טוֹב, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְן אַ שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ זָאל קֶענֶען קוֹיפְן פַאר מַיין וַוייבּ שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער אוֹיף יוֹם טוֹב", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט דִיר.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בֶּעטְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶערְוַוייל זֶעסְטוּ נָאךְ נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, בֶּעט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ און עֶר הָאט עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'"; דֶערְפַאר, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט שׁוֹין אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף דִיר און עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְן שֶׁפַע אוֹיף יוֹם טוֹב.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר זַיין רֶבִּי רֶבִּי נָתָן דִי סוּכָּה; אַ גַאנְץ עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיף דִי סוּכָּה, עֶס זָאל זַיין שֵׁיין און שְׁטַארְק. בַּיינַאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז מֶען שְׁפִּירְט אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין

דִי סוּכָּה וֶוען מֶען הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט דָאס אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַטְעמֵינוּ טַעַם סוּכָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה', וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט". דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ דָאס נָאכְמַאכְן, דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר אַ סוּכָּה, אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיצְן אִין דִי סוּכָּה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט וְכוּ'"; וֶועסְטוּ זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע סוּכּוֹת.

גֶעדֶענְק אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.) אָמַר רֶבִּי יוֹחָנָן: "שְׁלֹשָׁה מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", רֶבִּי יוֹחָנָן זָאגְט, דְרֵיי שְׁלִיסְלֶען זֶענֶען נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "מַפְתֵּחַ שֶׁל גְּשָׁמִים, מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה, וּמַפְתֵּחַ שֶׁל תְּחִיַּית הַמֵּתִים", דִי שְׁלִיסְל פוּן רֶעגְן, קִינְדֶער אוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, "בְּמַעֲרָבָא אָמְרֵי, אַף מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה", אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאגְט מֶען, אוֹיךְ דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה; זֶעט מֶען אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי

חִינוּךְ אִיז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג קֶען מֶען זֵיי חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן. וִוי יוּנְגֶער מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל וֶועט מֶען הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג.

פוּן הַיינְט בִּיז נָאךְ סוּכּוֹת זֶענֶען דִי קִינְדֶער אָן קַיין חֵדֶר; דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי, דִי קִינְדֶער זָאלְן דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אַזוֹי

אוֹיךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וואוּ זֵיי זֶענֶען און מִיט וֶועם זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ.

יֶעצְט קוּמְט יוֹם טוֹב וֶוען מֶען זִיצְט בְּמֶשֶׁךְ גַאנְצֶעטֶע שָׁעוֹת אִין שׁוּל, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער מִיט וֶועם זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן; מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס פַּאסִירְט מִיטְ'ן קִינְד בְּשָׁעַת עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן, עֶס אִיז דָא קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס לָאקֶערְן אוֹיף קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תרנז, סְעִיף א): "קָטָן הַיּוֹדֵעַ לְנַעֲנֵעַ לוּלָב כְּדִינוֹ - אָבִיו חַיָּיב לִקְנוֹת לוֹ לוּלָב, כְּדֵי לְחַנְּכוֹ בְּמִצְוֹת", מֶען דַארְף קוֹיפְן פַּאר דִי קִינְדֶער ד' מִינִים זֵיי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין בְּמִצְוֹת; בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ אַז אַלֶע הָאבְּן אֵייגֶעַנֶע ד' מִינִים אֲפִילוּ דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

עֶס זֶענֶען דָא פְּלֶעצֶער וָואס מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי, דָאס אִיז וַוייל אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ טֵייעֶרֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן אֵייגֶעַנֶע ד' מִינִים, אַזוֹי ווִי דֶער עָרוּךְ הַשֻּׁלְחָן זָאגְט (סִימָן תרנז, סְעִיף ב): "אֲבָל אֶצְלֵנוּ, הַלְוַאי שֶׁיְּהֵא בְּיַד מִשְׁפָּחָה אַחַת לִקְנוֹת לְעַצְמָם הָאַרְבָּעָה מִינִים, וְגַם זֶה אֵינוֹ מָצוּי"; דֶערִיבֶּער הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקוֹיפְט. עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט מִיט הַאלְטְן אַלֶע תְּפִילוֹת אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב סוּכּוֹת - הַלֵּל, נַעֲנוּעִים און הוֹשַׁעְנוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ שְׁלָאפְט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי סוּכָּה; אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת, וֶועלְן זֵיי דָאס שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ מְקַיֵּים זַיין.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פַארְצֵיילְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק יג): "מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁהָיָה עוֹמֵד הוּא וּבְנוֹ בְּבֵית הַכְּנֶסֶת; וְכָל הָעָם הָיוּ עוֹנִין אָמֵן וְהַלְלוּיָהּ אַחַר הָעוֹבֵר לִפְנֵי הַתֵּיבָה, וּבְנוֹ עוֹנֶה דְּבָרִים שֶׁל תִּפְלוּת, וְלֹא אָמַר לוֹ אָבִיו שׁוּם דָּבָר", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִין שׁוּל, אַלֶע מִתְפַּלְּלִים הָאבְּן שֵׁיין גֶעדַאוֶונְט הַלֵּל, און עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס זַיין זוּן הָאט נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט און נִישְׁט גֶעזָאגְט הַלֵּל, נָאר עֶר הָאט גֶערֶעדְט נִיבוּל פֶּה וְכוּ' אִין שׁוּל הוֹיךְ פַּאר אַלֶעמֶען. "וְאָמְרוּ לוֹ הַבְּרִיּוֹת שֶׁיִּמְחֶה בִּבְנוֹ, וְהֵשִׁיב וְאָמַר לָהֶם: 'מָה אֶעֱשֶׂה לוֹ? תִּינוֹק הוּא! יְשַׂחֵק!'" מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּ דֶעם אִיד עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין זוּן, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: "גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין זוּן, עֶר דַאוֶונְט נִישְׁט און עֶר רֶעדְט שְׁמוּצִיג וְכוּ'", דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד, "שׁוּב לְמָחָר עָשָׂה כֵּן,

כָּל אוֹתָן יְמֵי הֶחָג עָנָה בְּנוֹ דְּבָרִים שֶׁל תְּפִלּוֹת וְלֹא אָמַר לוֹ אָבִיו שׁוּם דָּבָר״. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, טָאג נָאךְ טָאג, מֶען הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער עֶר הָאט אַלְץ גֶעזָאגְט: עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד, ״לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה לֹא שְׁנִיָּה וְלֹא שְׁלִישִׁית עַד שֶׁמֵּתוּ אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו וּבֶן בְּנוֹ וְיָצְאוּ לוֹ חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה נְפָשׁוֹת בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, וְלֹא נִשְׁתַּיֵּר לוֹ אֶלָּא שְׁנֵי בָּנִים: אֶחָד חִגֵּר וְסוּמָא וְאֶחָד שׁוֹטֶה וְרָשָׁע״. פִּירְט אוֹיס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר בִּיז זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז אִים אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן אוּן עֶס אִיז נָאר גֶעבְּלִיבְּן צְוֵויי קִינְדֶער - אֵיינֶער אַ בְּלִינְדֶער אוּן אַ הִינְקֶעדִיגֶער, אוּן אַ קִינְד אַ שׁוֹטֶה אַ רָשָׁע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער אֲפִילוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין.

## מַיין זַאךְ אִיז סֻכּוֹת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין זַאךְ אִיז ׳רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳, אוּן גְלַייךְ נָאךְ ׳רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳ וַוארְט עֶר שׁוֹין אוֹיף דֶעם קוּמֶענְדִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הֶערְט שׁוֹין גְלַייךְ נָאךְ ׳רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳ וִוי דֶער שַׁמָּשׁ גֵייט אַרוּם אוֹיפְוֶועקְן צוּ סְלִיחוֹת.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין זַאךְ אִיז ׳יוֹם כִּיפּוּר׳. וַוייל עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט אַ לִימוּד זְכוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף יֶעדְן אִיד. עֶס אִיז בַּאוִויסְט אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זַיינֶע תַּלְמִידִים מֶען זָאל אִים מְקַבֵּר זַיין בַּיים טוֹיעֶר פוּנֶעם ׳בֵּית הַקְּבָרוֹת׳, וַוייל עֶר וִויל מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף יֶעדְן נִפְטָר וָואס מֶען וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין בֵּית הַקְּבָרוֹת צוּ מְקַבֵּר זַיין, אוּן אוֹיב דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעוֶוען אִין בְּרֶסְלֶב בַּיי רֶבִּי נָתָן׳ס צִיוּן זֶעט מֶען טַאקֶע וִוי עֶר לִיגְט בַּיים טוֹיעֶר, דָאס אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָן - עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג מְלַמֵּד זְכוּת גֶעוֶוען אוֹיף יֶעדְן אִיד. וֶוען עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי פֵּירוּשׁ ׳מַהֲרַ״ם שִׁיף׳ אוֹיף שַׁ״ס, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״אִיךְ קֶען זָאגְן פְּשַׁט אוֹיף יֶעדְן שְׁטִיקְל ׳מַהֲרַ״ם שִׁיף׳, אָבֶּער אוֹיף אַ אִיד אַ אִיד קֶען אִיךְ נִישְׁט זָאגְן קַיין

פְּשַׁט, וַוייל אֲפִילוּ עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט, אָבֶער אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע קֶען עֶר זַיין זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״.

מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין זַאךְ אִיז יוֹם טוֹב סוּכּוֹת. וַוייל מוֹהֲרָא״ש הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן נֵרוֹת וָואס דָאס אִיז דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי צְוֵויי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל; אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן כא) אַז דִי שִׁבְעָה נֵרוֹת אִיז מְכֻוָּן אַנְטְקֶעגְן דִי שִׁבְעָה עֲנָנֵי הַכָּבוֹד – דִי זִיבְּן וָואלְקֶענֶעס וָואס הָאבְּן בַּאשִׁיצְט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִדְבָּר, וָואס דָאס אִיז דִי סוּכָּה – דִי פִּיר וֶוענְט מִיט דִי דַאךְ אוּן דִי עֶרְד, אוּן אֵיין וָואלְקְן וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן פָארְאוֹיס. מוֹהֲרָא״ש הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט דֶעם תּוֹרָה, דָאס מֶערְסְטֶע הִתְבּוֹדְדוּת הָאט עֶר גֶעמַאכְט אוֹיף דֶעם תּוֹרָה – אוֹיף דִי זִיבְּן נֵרוֹת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרָא״ש זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם תּוֹרָה.

וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן – עֶר קוּקְט נִישְׁט קַיין שְׁמוּץ, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע אוֹיעֶרְן – עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערְסִירְט צוּ הֶערְן נֵייעֶס אוּן לָשׁוֹן הָרָע וְכוּ׳, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיין נָאז – וָואס דָאס אִיז כַּעַס, עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, נָאר עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וֵוייסְט אַז יֶעדֶע זַאךְ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיין מוֹיל – עֶר רֶעדְט נָאר אֵיידְל, עֶר שֶׁעלְט נִישְׁט אוּן עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ קְלָארֶע קָאפּ אוּן עֶר טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער גַאנְצֶע מֶענְטְשׁ אִיז דִי מֹחַ-מַחֲשָׁבָה, פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען נִישְׁט זֶען וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז, מֶען קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט שְׁמוֹנֶה בְּגָדִים אוּן אוֹיסְזֶען וִוי ׳מַר בַּר רַב אַשִׁי׳, מֶען קֶען גֵיין מִיט אַ רֶעזְשְׁוָואלְקֶע, אָבֶער אִינֶעוֵוייניג אִיז מֶען פַארְפוֹילְט אוּן פַארְדָארְבְּן, וַוייל מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן מֶען זִינְדִיגְט אִין ׳פְּגַם הַבְּרִית – הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה׳, וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט זֵייעֶר שַׁארְף, אוּן חֲזַ״ל זָאגְן (נִדָּה יג.) אָמַר רֶבִּי יוֹחָנָן: ״כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה, רֶבִּי יִצְחָק וְרַבִּי אַמִּי אָמְרִי: כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים״, וַוייל עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַרְגְ׳עְט זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, וָואס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַרְגְ׳עְט דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער אִיז עֶר דִי גְרֶעסְטֶער רוֹצֵחַ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן. וֶוען אַ

מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט גְרַאבֶּעלְט עֶר אִין גַארְבִּידְזְשׁ, אוּן זוּכְט וואוּ מֶען קֶען זֶען נָאךְ אַן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע פְּרוּי, וֶוערְט אִים דָאס גַאנְצֶע מֹחַ פַארְבְּרֶענְט, אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טְרַאכְטְן. נָאכְדֶעם הָאט עֶר פַיינְט זַיין אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דֶערְפַאר זֶעט מֶען ווִי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶערְוֶועז וֶוען זֵייעֶר וַוייבּ רוּפְט זֵיי, אוּן וֶוען זֵייעֶר וַוייבּ בֶּעט אַ טוֹבָה וֶוערְן זֵיי מְשׁוּגָע אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן רֶעגְן זִיךְ, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פַארְדָארְבְּן פוּן קָאפּ בִּיז פִיס. דֶערְפַאר פְלֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן קְדוּשַׁת עֵינַיִם.

### זִיךְ מְדַבֵּק זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי אַלֶע מִצְוֹת

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אוֹרַח חַיִּים לוּלָב וְאֶתְרוֹג, אוֹת א) אַז דִי פִיר טֶעג צְווִישְׁן יוֹם כִּפּוּרִים אוּן סוּכּוֹת אִיז קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען - יֶעדְן טָאג קֶעגְן אַן אַנְדֶערֶע אוֹת פוּנֶעם שֵׁם הַוַיָ״ה בָּרוּךְ הוּא, דֶערְפַאר קֶען מֶען אִין דִי טֶעג זִיךְ מְדַבֵּק זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי אַלֶע מִצְוֹת מִיט וָואס מֶען אִיז בַּאשֶׁעפְטִיגְט.

### לֶערְנֶען דִי שִׁיעוּרִים אֲפִילוּ אִין דִי גָאר פַארְנוּמֶענֶע טֶעג

יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דִי הֲכָנוֹת צוּם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה אוּן קוֹיפְן ד׳ מִינִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֶע נִישְׁט צוּ פַארְגֶעסְן צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, בִּפְרַט אַ דַף גְמָרָא, וָואס אַ דַף גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, עֶס הֶעלְפְט אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג.

## אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין יוֹם טוֹב

אֵיין יָאר עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעהָאלְפְן רֶבִּי נָתָן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט פַאר רֶבִּי נָתָן: ״אַז מֶען אַרְבֶּעט אַלֵיינְס אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה שְׁפִּירְט מֶען אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב״, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״דָאס הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן עֶרֶב סוּכּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ׳רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת׳, וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט אִינֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת״; אָן תְּפִלָּה הָאט גָארְנִישְׁט קַיין טַעַם, ווִיפִיל מֶען פְּרוּבִּירְט אַרַיין צוּ לֵייגְן כֹּחוֹת וְכוּ׳, אוֹיב נֶעמְט מֶען נִישְׁט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶס יֶענֶעם טַעַם.

דָאס אִיז נִישְׁט דַוְקָא בַּיי דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדֶע יוֹם טוֹב אוּן בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה; ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב אוּן צוּ אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, הָאט עֶר אַ שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב.

## יֶעדֶע מִצְוָה אוּן גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין אִיז מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת; אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא כג, מב): ״בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים״, זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוּכָּה ב.): ״צֵא מִדִּירַת קֶבַע, וְשֵׁב בְּדִירַת אַרְעַי״, גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין קְבִיעוּת׳דִיגֶע דִירָה אוּן גֵיי אַרַיין אִין אַ צַייטְוַויילִיגֶע דִירָה; דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז, אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר גֵייט דָא בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, אָדֶער אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: ׳ווִי קֶען אִיךְ אוֹיסְהַאלְטְן אַזֶעלְכֶע צָרוֹת פַאר נָאךְ הוּנְדֶערְט יָאר וְכוּ׳?׳ אוֹיף דֶעם קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, מֶען זָאגְט פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ: ״צֵא מִדִּירַת קֶבַע, וְשֵׁב בְּדִירַת אַרְעַי״, גֶעדֶענְק אַז מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא אוֹיף אֵייבִּיג, דֶער לֶעבְּן אִיז נִישְׁט קַיין קֶבַע, עֶס אִיז אַרְעַי. נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיט עֶסֶענִישְׁן, וַוייל

נָאךְ אַבִּיסָל גֵייעֶן מִיר אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט זַיין חָשׁוּב נָאר די בִּיסָל תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גְעוֶוען אַרַיין צוּ כַאפְּן בָּזֶה הָעוֹלָם, נָאר די דְרֵיי תְּפִילּוֹת - שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, וָואס מִיר הָאבְּן אַרַיין גֶעכַאפְּט יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען שְׁוֶוער.

דָאס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַרוֹיס פוּן די מִצְוָה פוּן סוּכָּה; מֶען בּוֹיט אַ סוּכָּה מִיט אַלֶע הִדּוּרִים, מֶען בַּאצִירְט עֶס אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט, אָבֶּער וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער די זִיבְּן טֶעג, צוּנֶעמְט מֶען די סוּכָּה. אַזוֹי גֵייט דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער די זִיבֶּעצִיג יָאר, וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן סא) אַז די לֶעבְּן אִיז אַזוֹי קוּרְץ, די גַאנְצֶע זִיבֶּעצִיג יָאר גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹי וִוי פּוּפְצֶן מִינוּט; דֶערְפַּאר לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט, וַוייל מִיר בְּלַייבְּן נִישְׁט דָא אוֹיף אֵייבִּיג.

מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת זִיךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אוּן גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אִיז פַּאר מַיין טוֹבָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט די וֶועלְט מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, גָארְנִישְׁט אִיז נִישְׁט קַיין פֶּערְצוּפַאל, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טָעוּתִים אָדֶער מִקְרֶה, נָאר אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ חַזֶר'ט זִיךְ אַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט די וֶועלְט, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - אִיז אִים דֶער לֶעבְּן אַסַאךְ גְרִינְגֶער, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן, נִישְׁט שְׁלֶעכְט אוּן נִישְׁט גוּט, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס וֶועט אִים נִישְׁט הֶעלְפְן חֲנוּפָה, וַוייל וָואס עֶר דַארְף, וֶועט עֶר נָאר בַּאקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, אַ זִיסֶע לֶעבְּן, עֶר לוֹיפְט נִישְׁט נָאךְ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ.

## וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה, גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע דִינִים פוּן אִים

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט עֶרֶב סוּכּוֹת; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזִיצְן אִין זַיין סוּכָּה מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן פְּלוּצְלִינְג הֵייבְּט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָן זֵייעֶר צוּ לַאכְן, הָאבְּן אִים די תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס לַאכְט דֶער רֶבִּי?" הָאט

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אִין הִימְל לַאכְט מֶען יֶעצְט, הָאבְּן זֵיי אִים וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס לַאכְט מֶען יֶעצְט אִין הִימְל?" הָאט זֵיי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי: "אַ בַּעַל עֲגָלָה אִיז יֶעצְט גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אוּן אִינְמִיטְן וֶועג אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַ סוּכָּה וואוּ צוּ עֶסְן, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין סוּכָּה וואוּ צוּ עֶסְן, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ לָאךְ אִין זַיין הוּט, אוּן אַרוֹיף גֶעלֵייגְט סְכַךְ אוֹיף זַיין הוּט, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז אַזוֹי אִיז עֶר יוֹצֵא מִצְוַת סוּכָּה... דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע גֶעלֶעכְטֶער אִין הִימְל, אוּן דִי שִׂמְחָה הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען הַמְתָּקַת הַדִינִים אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים, דֶערְפַאר לַאךְ אִיךְ אוֹיךְ" - הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אוֹיסְגֶעפִירְט.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה, גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע דִינִים פוּן אִים; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ יוֹם טוֹב, אוּן זָאלְסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. פוּן אֵיין זַייט אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מִצְוָה פוּן יוֹם טוֹב צוּ מְקַיֵים זַיין (דְבָרִים טז, יד): "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ, וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ", אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס דִי שֶׁענְסְטֶע מִצְוָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט עֶר אַ מֹחַ, עֶר הָאט יִשׁוּב הַדַעַת, אוּן אַז מֶען הָאט יִשׁוּב הַדַעַת הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס.

## גֶעבְּן צְדָקָה עֶרֶב סוּכּוֹת

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אַרִיזַ"ל אַז עֶרֶב סוּכּוֹת אִיז אַ זְמַן פוּן צְדָקָה (עַיֵין סֵפֶר אוֹר הַיָשָׁר סִימָן כג, אוֹת א); רֶבִּי חַיִים וִיטַאל זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען בַּיי זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל, אַז עֶרֶב סוּכּוֹת וֶוען אָרִימֶעלַייט זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ צְדָקָה פְלֶעגְט עֶר עֶפֶענֶען זַיין בֶּערְזְל אוּן זָאגְן פַאר אַלֶע אָרִימֶעלַייט: "נֶעמְט וִויפִיל אִיר ווִילְט".

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעטַייטְשְׁט וָואס מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶונֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג: "וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת

רֹעַ הַגְּזֵרָה״, אַז לְכְאוֹרָה דַארְף וֶוען שְׁטֵיין קוֹדֶם ״וּצְדָקָה״ פַאר ״תְּפִלָּה״, וַוייל קוֹדֶם גֶעבְּט מֶען צְדָקָה אוּן נָאכְדֶעם דַאוֶוענְט מֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יז, טו): ״אֲנִי בְּצֶדֶק אֶחֱזֶה פָנֶיךָ״, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַזוֹי, אַז מֶען קֶען נָאר זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶתְ׳עֶ צְדָקָה אַז מֶען אִיז אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, נָאכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דִי אֱמֶתְ׳עֶ צְדָקָה, דֶערְפַאר זָאגְט מֶען קוֹדֶם ״וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה״, אוּן נָאכְדֶעם ״וּצְדָקָה״; דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֶעבְּן צְדָקָה הַיינְט עֶרֶב יוֹם טוֹב.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט אוֹיסְטֵיילְן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט עֶרֶב סוּכּוֹת, עֶר פְּלֶעגְט זָאגְן: ״דָאס אִיז מַיין נוֹי סוּכָּה״; וואוּיל אִיז פַּאר דֶעם וָואס גֶעבְּט צְדָקָה פַאר אָרִימֶעלַייט, בִּפְרַט אַז מֶען מַאכְט דָאס בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, ״מַתָּן בְּסֵתֶר״, אַז דֶער חַבֵר זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז מֶען וֵוייסְט פוּן אַ חַבֵר, אָדֶער אֵיינֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה וָואס קֶען נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן אוֹיף יוֹם טוֹב, עֶר הָאט אַ גְרוֹיסֶער חוֹב אִין גֶעשֶׁעפְט וְכוּ׳, אוּן מֶען רוּפְט אַריין שְׁטִילֶערְהֵייט אִין גֶעשֶׁעפְט בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, מֶען לֵייגְט אַריין פַארְ׳ן חַבֵר גֶעלְט עֶר זָאל קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן אוֹיף יוֹם טוֹב, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, וַוייל יֶענֶער וֶוערְט נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט.

# חִזּוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיפְ'ן יוֹם טוֹב סֻכּוֹת

**אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין אַזַא הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב ווִי מִיר זִיצְן אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט "בְּצֵל כְּנָפֶיךָ תַּסְתִּירֵנִי".

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז אִין דִי סוּכָּה קֶען מֶען מַאכְן גוּטֶע הִתְבּוֹדְדוּת ווַייל מֶען זִיצְט אִין הֵיכַל הַמֶּלֶךְ אוּן מֶען בַּאהַאלְט זִיךְ אִין דִי סוּכָּה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט "כִּי יִצְפְּנֵנִי בְּסֻכֹּה".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער תַּלְמִיד, זֶע צוּ זִיצְן אִין דִי סוּכָּה אוּן זָאלְסְט דָארְט שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס ווָאס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, בֶּעט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוּן זָאג אִים ווִי שְׁווֶער עֶס אִיז דִיר צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין וואוֹיל אוּן ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע ווַארְפְט דִיךְ אַרָאפּ.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת; ווֶען מִיר זִיצְן אִין דִי סוּכָּה זִיצְן מִיר אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווֶען מֶען זִיצְט אוּנְטֶערְן שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר גוּט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שְׁמוֹת רַבָּה כז, ג) עֶס אִיז גֶעווֶען אַ פֵייגְל ווָאס מֶען הָאט אִיר גֶעזוּכְט צוּ כַאפְּן, הָאט דִי פֵייגְל זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינֶעם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג, זִי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָארְט ווֶעט קֵיינֶער נִישְׁט קוּמֶען שִׁיסְן אוֹיף אִיר, דִי זֶעלְבֶּע אִיז ווֶען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת - לוֹיפְט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט טְשֶׁעפֶּעט אִים קֵיינֶער נִישְׁט.

## אַ אִיד אַנְטְלוֹיפְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע חִזּוּק פוּן מוֹהֲרָא"ש. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה כח:) אוֹיבּ עֶס רֶעגְנְט יוֹם טוֹב סֻכּוֹת אִיז דָאס אַזוֹי וִוי אַ הַאר בֶּעט זַיין קְנֶעכְט בְּרֶענְג מִיר וַואסֶער, אוּן וֶוען דֶער קְנֶעכְט בְּרֶענְגְט דִי וַואסֶער נֶעמְט דֶער הַאר דִי וַואסֶער אוּן שְׁפְּרִיצְט דָאס אָן דֶעם קְנֶעכְט, אַזוֹי אִיז יוֹם טוֹב סֻכּוֹת וֶוען עֶס גֵייט אַ רֶעגְן; יוֹם טוֹב סֻכּוֹת וֶוען מִיר אַלֶע זִיצְן אִין דִי סֻכָּה, מִיר טוּעֶן דֶעם רָצוֹן ה', אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיסְט אוּנְז אָן; אוֹיבְנְאוֹיף זֶעט דָאס אוֹיס וִוי אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, אָבֶּער מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אוּנְז אַז עֶפֶּעס טִיפֶערְס לִיגְט אִין דֶעם מָשָׁל.

וֶוען אַ הַאר קוֹיפְט זִיךְ אַ קְנֶעכְט וֵוייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט אוֹיבּ דֶער קְנֶעכְט אִיז אִים בֶּאֱמֶת גֶעטְרַיי, וִוי אַזוֹי קֶען דֶער הַאר וִויסְן אוֹיבּ זַיין קְנֶעכְט אִיז אִים בֶּאֱמֶת גֶעטְרַיי? עֶר בֶּעט אִים "בְּרֶענְג מִיר וַואסֶער", אוּן עֶר נֶעמְט דִי וַואסֶער אוּן גִיסְט אִים אָפּ אִין פָּנִים אַרַיין; אִיז דֶער קְנֶעכְט נִישְׁט גֶעטְרַיי - וֶועט עֶר אַנְטְלוֹיפְן פּ וּן אַזַא הַאר, אוֹיבּ אָבֶּער דֶער קְנֶעכְט בְּלַייבְּט וַוייטֶער גֶעטְרַיי - אִיז אַ סִימָן אַז דֶער קְנֶעכְט הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם וִוילְן, עֶר הָאט נָאר אֵיין ווִילְן, טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן זַיין הַאר.

אַזוֹי אוֹיךְ, עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַכִּפּוּרִים וֶוען אַלֶע אִידְן זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "מִיר זֶענֶען דִיר גֶעטְרַיי, מִיר ווִילְן נָאר טוּן דַיין ווִילְן"; נָאכְדֶעם קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, אַלֶע בּוֹיעֶן סוּכּוֹת, אַלֶע גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי סֻכָּה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען וִוי גֶעטְרַיי זַיינֶע קִינְדֶער, זַיינֶע קְנֶעכְט - זֶענֶען, גִיסְט עֶר זֵיי אָן מִיט וַואסֶער, דֶעמָאלְט זֶעט מֶען וֶוער מִיר זֶענֶען; מִיר בְּלַייבְּן וַוייטֶער קְנֶעכְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַנְדֶערְשׁ וִוי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, וָואס בַּיי זֵיי שְׁטֵייט (עֲבוֹדָה זָרָה ג.) אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ טַעְנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן ס וּכָּה אוּן דִי גוֹיִים וֶועלְן צֶעבְּרֶעכְן דִי סוּכּוֹת, זֵיי וֶועלְן אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן דִי הִיצְן;

דָאס אִיז אַ גוֹי, וֶוען עֶפֶּעס גֵיט אִים נִישְׁט גוּט, שְׁטוּיסְט עֶר גְלַייךְ אַלֶעס אַוֶועק. ווידֶער, אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בְּנֵי אֵ-ל חָי, זֵיי בְּלַייבְּן גֶעטְרַיי.

וֶוען מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין טַעַם, אָן קַיין גֶעפִיל - אִיז דָאס אַסאַךְ שְׁטֶערְקֶער ווִי וֶוען מֶען דִינְט אִים מִיט הֶרְגֵשׁ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה כח:) וֶוען עֶס רֶעגְנְט יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִיז דָאס אַזוֹי ווִי אַ הַאר בֶּעט דֶעם קְנֶעכְט: "בְּרֶענְג מִיר וַואסֶער", אוּן וֶוען דֶער קְנֶעכְט בְּרֶענְגְט דִי וַואסֶער גִיסְט אִים דֶער קֶענִיג אָן מִיט דִי וַואסֶער; בִּפְּשְׁטוּת וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי וֶוערְטֶער וֶוערְט מֶען צֶעבְּרָאכְן, בִּפְרַט וֶוען עֶס רֶעגְנְט יוֹם טוֹב סוּכּוֹת וֶוערְט מֶען צֶעבְּרָאכְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיסְט אוּנְז אָן אִין פָּנִים, אָבֶּער מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט עֶפֶּעס גָאר אַנְדֶערְשׁ אַרוֹיס.

אַ הַאר, וֶוען עֶר ווִיל זֶען אוֹיבּ זַיין קְנֶעכְט אִיז אִים בֶּאֱמֶת גֶעטְרַיי, גִיסְט עֶר אִים אָן אִין פָּנִים אַרַיין, עֶר בֶּעט אִים צוּ בְּרֶענְגֶען וַואסֶער אוּן וֶוען דֶער קְנֶעכְט בְּרֶענְגְט אִים דָאס - גִיסְט עֶר אִים אָפּ דֶערְמִיט, דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס דֶער אֱמֶת; אִיז דֶער קְנֶעכְט נִישְׁט גֶעטְרַיי, לוֹיפְט עֶר אַוֶועק; אִיז עֶר יָא גֶעטְרַיי, בְּלַייבְּט עֶר דָארְט, דֶעמָאלְט זֶעט דֶער הַאר ווִי גֶעטְרַיי זַיין קְנֶעכְט אִיז.

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש, וֶוען מִיר זָאגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַכִּפּוּרִים: "לְקוֹנֶה עֲבָדָיו בַּדִּין", מִיר זָאגְן: "אִם כְּבָנִים, אִם כַּעֲבָדִים, עֵינֵינוּ לְךָ תְּלוּיוֹת"; אוּן נָאכְדֶעם קוּמְט סוּכּוֹת וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט קוּמְט אַרוֹיס אִין סוּכָּה, אוּן גִיסְט אוּנְז אָפּ אִין פָּנִים אַרַיין, אוּן מִיר בְּלַייבְּן פְּרֵיילִיךְ, מִיר בְּלַייבְּן גֶעטְרַיי - דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מִיר זֶענֶען בֶּאֱמֶת גֶעטְרַיי.

אַזוֹי דַארְף מֶען לֶעבְּן; אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ ווִי אַן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁטֶער, מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין גוּט, מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין גֶעטְרַיי, אוּן מֶען זֶעט ווִי אַלֶעס גֵייט פַּארְקֶערְט - זָאגְט מֶען וַוייטֶער: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בְּלַייבּ גֶעטְרַיי, אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בְּלַייבּ אַ אִיד!"

## דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יב) אַז דֶער עִיקַר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; און דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם חוּמְרוֹת (שָׁם חֵלֶק ב׳, סִימָן יט; מד); פַארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת ווייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט פָּשׁוּט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד).

אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס מֶענְטְשְׁן הָאט אֵיין יָאר סוּכּוֹת גֶעמַאכְט אַ הֶערְלִיכֶע סוּכָּה, און עֶר הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט אַסַאךְ גֶעלְט אִין דִי סוּכָּה; נָאכְן דַאוֶוענֶען יוֹם טוֹב בַּיינַאכְט הָאט עֶר גֶעבֶעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן אַז דֶער רֶבִּי זָאל קוּמֶען קִידוּשׁ מַאכְן בַּיי אִים אִין סוּכָּה; דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיין אַיינְלַאדֶענוּנְג און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם דֶעם אִיד אִין סוּכָּה קִידוּשׁ צוּ מַאכְן, רֶבִּי נָתָן אִיז מִיט גֶעגַאנְגֶען מִיטְן רֶבִּי׳ן. נָאכְן בַּאטְרַאכְטְן דִי סוּכָּה הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי׳ן אַז דֶער סוּכָּה אִיז נִישְׁט כָּשֵׁר. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ נִישְׁט ווָאוּסֶענְדִיג גֶעמַאכְט; רֶבִּי נָתָן הָאט דָאךְ שְׁטֶענְדִיג נָאכְגֶעקוּקְט דֶעם רֶבִּי׳ן, און וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי בְּלַייבְּט שְׁטִיל הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט גֶערֶעדְט מֶער פוּן דֶעם. אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט, אַ אִיד אִיז זִיךְ מְיַגֵּעַ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוָה, און גֶעבְּט אוֹיס אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר אַ מִצְוָה, וְוִילְסְטוּ אִים פַּסְל׳עֶן דִי סוּכָּה צוּלִיב חוּמְרוֹת?!" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַ מִצְוָה, און נִישְׁט זוּכְן וואוּ מֶען קֶען צוּלֵייגְן אַ חוּמְרָא וְכוּ׳.

## אַ בָּחוּר זָאל פַארְמָאגְן אֵייגֶענֶע ד׳ מִינִים

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ קוֹיפְן ד׳ מִינִים, זָאגְט מִיר אַ בָּחוּר אַז עֶר שֶׁעמְט זִיךְ צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דִי ד׳ מִינִים; שֶׁעמֶען דַארְף מֶען זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט אַן אֵייפָּאוֹן וָואס דָאס רַייסְט אַרוֹיס יֶעדֶעס בְּרֶעקְל יִרְאַת שָׁמַיִם

פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, ד' מִינִים אִיז דָאךְ אַ מִצְוָה, און מֶען שָׁאקְלְט עֶס אוֹיף אַלֶע זַייטְן צוּ וַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעַרָאל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת רְפוּאָה, סִימָן ד') "הִסְתַּכְּלוּת עַל אֶתְרוֹג הוּא רְפוּאָה לִכְאֵב עֵינַיִם", און וֶוען מֶען שָׁאקְלְט דִי ד' מִינִים און מֶען קוּקְט אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג בַּאקוּמְט מֶען רֵיינֶע אוֹיגְן. און מֶען בֶּעט דֶעמָאלְט: "הוֹשַׁע נָא כַּלֵּה מַרְשִׁיעִי" נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דֶעם יֵצֶר הָרָע, "הוֹשַׁע נָא לְבַל עוֹד תַּרְשִׁיעִי" הֶעלְף מִיר טַאטֶע אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן. אוֹיךְ בֶּעטְן מִיר "הוֹשַׁע נָא פִּנַּת יִקְרַת" הֶעלְף מִיר טַאטֶע מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע ווִינְקֶעלֶע וואוּ מִיר וֶועלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער און לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען. "הוֹשַׁע נָא צִיּוֹן הַמְצֻיֶּנֶת", מִיר בֶּעטְן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אַזוֹי וַוייטֶער אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע תְּפִילוֹת, ווִי מִיר בֶּעטְן זִיךְ אוֹיס פַּאר'ן יָאר; אִיז אַ שָׁאד אַז דִי בָּחוּרִים און קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן דִי ד' מִינִים צוּ קֶענֶען מִיט דַאוֶוענֶען.

### קוּקְן אוֹיף דִי אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַּאר דִי אוֹיגְן בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת רְאִיָּה, סִימָן י'): "הִסְתַּכְּלוּת עַל אֶתְרוֹג הוּא רְפוּאָה לִכְאֵב עֵינַיִם", קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַּאר אוֹיגְן וֶוייטָאג; דֶערִיבֶּער פִּירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים צוּ קוּקְן אוֹיף דִי אֶתְרוֹג דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף דִי אוֹיגְן - בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

### אוֹיסְנוּצְן רִיכְטִיג דִי טֶעג פוּן חוֹל הַמּוֹעֵד

זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ דוּ גֵייסְט חוֹל הַמּוֹעֵד הַאלְטְן, זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין אוֹיף פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז דָא פְּרִיצוּת; גֶעדֶענְק, מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרוֹיס פוּן יוֹם

כִּיפּוּר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז מוֹחֵל גֶעוֶועןֶ אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן מִיר הָאבְּן זִיךְ פָּארְגֶענוּמֶען צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, דֶערְפַאר גֵיי נִישְׁט צוּ פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידֶל.

מוֹהֲרָא״ש הָאט פַארְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְעֶר חָסִיד ר׳ שְׁמוּאֵל צֶ׳צִ׳יק ז״ל, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״בַּיים אַהֵיימְפָארְן פוּן אוּמַאן וואוּ מֶען הָאט גֶעזָאגְט דִי ׳תִּיקוּן הַכְּלָלִי׳, נָאכְן זַיין אִין קִיעֶוו אִין עֶירְפָּארְט, דַארְף מֶען שׁוֹין צוּרִיק פָארְן צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיוּן נָאכְאַמָאל זָאגְן דִי ׳תִּיקוּן הַכְּלָלִי׳, פוּן דִי שְׁמוּצִיגֶע עֶירְפָּארְט וואוּ מֶען אִיז זִיךְ מְטַמֵּא דִי אוֹיגְן״. דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, מִיר קוּמֶען יֶעצְט פוּן רֶבִּי׳נְס צִיוּן אוּן מִיר זֶענֶען גֶעוָוארְן אָפְּגֶעוַואשְׁן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ גֵיין אוֹיף פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן.

גֶעדֶענְק אַז ׳חוֹל הַמּוֹעֵד׳ דַארְף מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, אוּן יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זִיךְ אַבִּיסְל כַאפְּן דֶעם אָטֶעם; אַ גַאנְץ יָאר אִיז מֶען פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט, מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים בַּיינַאכְט אוּן מֶען וִויל אַבִּיסְל לֶערְנֶען שְׁלָאפְט מֶען אַיין, אָבֶּער יֶעצְט הָאסְטוּ אַ וָואךְ צַייט וָואס מֶען קֶען אַבִּיסְל לֶערְנֶען.

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא׳דִיג הֲנָאָה שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג וֶוען אִיךְ קוּם אִין יְשִׁיבָה טְרֶעף אִיךְ אִינְגֶעלַייט - וָואס אַ גַאנְצֶע וָואךְ אַרְבֶּעטְן זֵיי בִּיטֶער שְׁוֶוער - וִוי זֵיי זִיצְן אוּן לֶערְנֶען בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע נַחַת אוּן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן. מֶען זֶעט מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן יט): ״נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה, שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִלְמוֹד ׳כָּךְ וְכָךְ׳ בְּכָל יוֹם״, דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער גֶעוָואלְט, אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן דָאס זֶעט מֶען אִין ׳הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ׳, עֶס אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער זֵיי זֶענֶען וַוייל זֵיי זֶעעֶן אוֹיס פָּשׁוּט, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען מְסַיֵּים יֶעדֶע יָאר אָדֶער יֶעדֶע הַאלְבֶּע יָאר שַׁ״ס.

מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם מְחַזֵּק זַיין, אָבֶּער דָא אִין ׳הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ׳ קֶען מֶען נִישְׁט זַיין נָאר וֶוער עֶס פָאלְגְט מוֹהֲרָא״ש, אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט לָאזְן מֶען זָאל דָא קוּמֶען סְתַּם צוּ שְׁטוּפְּן דִי צַייט, אִיךְ וֶועל פַארְטְרַייבְּן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס מֵיינְט אַז דָא אִיז אַן ׳עָרֵי מִקְלָט׳; בַּיי סְתַּם מֶענְטְשְׁן אִיז דֶער עִיקָּר וִויפִיל מֶענְטְשְׁן עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ, אוֹיבּ אִיז דָא אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אִיז מֶען אַ גְרוֹיסֶער רֶבִּי אוּן אוֹיבּ

אִיז דָא וֵויינִיג מֶענְטְשְׁן אִיז מֶען אַ קְלֵיינֶע רֶבִּי, אָבֶער אִין בְּרֶסְלֶב בַּיים רֶבִּי'ן אִיז פַארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג): אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר הָאט דִי זַאךְ פוּן "מְעַט מַחֲזִיק אֶת הַמְרֻבֶּה" וַוייל עֶר הָאט אַ סַאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן אַלֶעס לִיגְט אוֹיף זַיין קְלֵיינֶע מֹחַ, הָאט אִים אֵיינֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ 'הַר שֶׁל זֶבֶל וְטִנּוּף' אוּן אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר הָאט אוֹיךְ דִי זַאךְ פוּן 'מְעַט מַחֲזִיק אֶת הַמְרֻבֶּה' וַוייל אַלֶע זֶבֶל וְטִנּוּף קוּמֶען פוּן אִים אוּן דָאס זֶעלְבֶּע 'מְעַט מַחֲזִיק אֶת הַמְרֻבֶּה' בִּיסְטוּ"; אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אִיז נִישְׁט מַעֲלָה אוּן נִישְׁט מוֹרִיד, מוֹהֲרַנְ"ש שְׁרַייבְּט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' עֶנְדֶערְשׁ הָאבְּן אַ קְלֵיינֶע קְהִילָה וָואס אַלֶע זֶענֶען דֶערְבֵּיי צוּ הֶעלְפְן, צוּ פָאלְגְן אוּן צוּ גֵיין 'הַפָּצָה', וִוי צוּ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע עוֹלָם פוּן מְחוּתָּנִים וְכוּ'.

אֵיינֶער הָאט אַמָאל פַארְצֵיילְט פַאר אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד אַז זַיין רֶבִּי אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, וַוייל נֶעכְטְן בַּיי דִי 'הַקָּפוֹת' אִיז גֶעוֶוען אַזַא עוֹלָם אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ גֶעוֶוען 'סַכָּנַת נְפָשׁוֹת', זָאגְט אִים דֶער בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד בַּיי עֶנְק אִיז גֶעוֶוען 'סַכָּנַת נְפָשׁוֹת'? בַּיי אוּנְז אִיז גֶעוֶוען 'מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת'; וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז מְחַיֶּה יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן הָאט אַ חַיִּים טוֹבִים.

## סְעוּדַת הִלּוּלָא בַּיים רֶבִּינְ'ס יָארְצַייט

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיי דִי סְעוּדָה פוּן דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קטו) אַז מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן נִישְׁט מִיט אַ צַדִּיק, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי אַ צָרָה וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר מְבוּלְבָּל, זֵיי הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה אוּן זֵיי פַאלְן אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט לֵיידֶער זֵייעֶר אַסַאךְ וָואס זֶענֶען אַוֶועק גֶעפַאלְן נָאר פוּן קֻשְׁיוֹת וְכוּ'. אָבֶער וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק, לֶערְנְט עֶר אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין דִי צָרָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס בַּאהַאלְט זִיךְ אִינֶעם נֶעפְּל, אוּן דֶער צַדִּיק גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מִיר

זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי נֶעפְּל, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן לִיכְטִיג מַאכְן מֶען זָאל וִויסְן וָואס צוּ טוּן.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, יח): "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק", כִּי כְּשֶׁרוֹאִין הָעֲרָפֶל, הַיְנוּ הַמְּנִיעָה, עוֹמְדִין מֵרָחֹק, דָאס הֵייסְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב צוּם צַדִיק, וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ מְנִיעָה שְׁטֵייעֶן זֵיי פוּן דֶערְוַוייטְנְס וְכוּ', זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וּמֹשֶׁה, שֶׁהוּא בְּחִינוֹת דַּעַת כָּל יִשְׂרָאֵל, נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים, הַיְנוּ אֶל הַמְּנִיעָה, שֶׁבָּהּ בְּעַצְמָהּ נִסְתָּר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אָבֶּער דֶער צַדִיק גֵייט נָאנְט צוּ דִי מְנִיעָה וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ, אוּן דָאס לֶערְנְט עֶר אוֹיס פַאר זַיינֶע מְקוּרָבִים; וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ עֶר זֶעט דִי גְרֶעסְטֶע מְנִיעָה פַאר זַיינֶע אוֹיגְן וֶועט עֶר נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט נָאר וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער מִיט דִי אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מח) אַז סוּכָּה אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער, סוּכָּה אִיז מְסוּגָל עֶס זָאל אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן דֶער רֶבִּי, עֶס זָאל וֶוערְן פוּן רִי"ב רֶבִּ"י, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְהֶערְן צוּ קְרִיגְן, עַיֵּין שָׁם.

# הוֹשַׁעְנָא רַבָּה

## דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד - דֶער הָאט אַ לֶעבְּן

דֶער הֵיילִיגֶער דִּבְרֵי חַיִּים הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ דָארְף וָואס אַלֶע גוֹיִם הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם גַלָּח עֶר זָאל מַאכְן אַ גֶעזֶעץ אַז וֶוער עֶס טְרִינְקְט זִיךְ אָן, זָאל מֶען שְׁוֶוער בַּאשְׁטְרָאפְן, כְּדַאי מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר טְרִינְקֶען, הָאט דֶער גַלָּח גֶעזָאגְט אַז פַאר עֶר גֵייט מַאכְן דִי גְזֵירָה וִויל עֶר זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען כְּדַאי צוּ זֶען וָואס אִיז דִי טַאךְ פוּן דֶעם, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר מַאכְן דִי גְזֵירָה. דֶער גַלָּח הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקְן אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן טוֹיט שִׁיכּוֹר, בִּיז עֶר אִיז אַרוּם גֶעלָאפְן אוֹיף דִי גַאסְן אוּן זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט וִוי אַ שִׁיכּוֹר וָואס וַואלְגֶערְט זִיךְ אִין מִיסְט וְכוּ׳ וְכוּ׳; צוּ מָארְגְנְס וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעניכְטֶערְט זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע גוֹיִם צוּ הֶערְן פוּן אִים וָואס עֶר זָאגְט, הָאט דֶער גַלָּח גֶעזָאגְט צוּ זֵיי: ״אִיךְ הַאלְט אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן דֶעם וָואס שִׁיכּוֹר׳ט זִיךְ אָן, וַוייל דָאס אַלֵיין אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שְׁטְרָאף, אַז זֵיי וַואלְגֶערְן זִיךְ אַרוּם אִין מִיסְט וְכוּ׳״.

דֶער דִּבְרֵי חַיִּים פְלֶעגְט דָאס דֶערְצֵיילְן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, אוּן גֶעוָואלְט מִיט דֶעם מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין שְׁטְרָאף אוֹיף דֶעם וָואס מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין חֲטָאִים, וַוייל דָאס אַלֵיינְס וָואס מֶען וַואלְגֶערְט זִיךְ אִין בְּלָאטֶע אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שְׁטְרָאף. מֶען דַארְף דָאס אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער פוּן יוּנְגְוֵוייז אָן, אַז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד - דֶער הָאט אַ לֶעבְּן, אוּן דֶער וָואס טְשֶׁעפֶּעט דִי בָּארְד אִין פֵּיאוֹת - דֶער פַארְלִירְט אַלֶעס. מִיר טוּט זֵייעֶר וֵויי צוּ זֶען וִוי יוּנְגֶע בָּחוּרִים הֵייבְּן אָן צוּ שְׁנַיידְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, וָואס דָאס אִיז דִי הַתְחָלָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וֶוען עֶר וִויל אַלֶעס אִיבֶּערְלָאזְן.

## רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הִיט אוּנְז פוּן לֵצִים

מִיר בֶּעטְן הוֹשַׁעְנָא רַבָּא: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף אוּנְז אַז מִיר זָאלְן פָּטוּר וֶוערְן פוּנֶעם 'כֶּרֶם מִתּוֹלַעַת' - הוֹשַׁעְנָא", דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִין אַ שֵׁיינֶער כֶּרֶם, אַ שֵׁיינֶער וַויינְשְׁטָאק - אַ וֶוערְמְל וָואס עֶסְט אוֹיף דִי גוּטֶע טְרוֹיבְּן פוּנֶעם וַויינְשְׁטָאק; דָאס אִיז וֶוען מֶען הָאט אַ פְּלַאץ פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֶס קוּמְט אַ לֵץ אוּן עֶר פַארְגִינְט נִישְׁט אַז עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס וִוילְן הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, אוּן זוּכְט נָאר וִוי עֶר קֶען אֵיינֶעם פַארְ'סַמְ'עֶן. דָאס בֶּעטְן מִיר הוֹשַׁעְנָא 'כֶּרֶם מִתּוֹלַעַת' הוֹשַׁעְנָא.

## בַּיים לֶערְנֶען אִיז דָא הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עד): "יֵשׁ דִּבּוּר בְּלֹא דֵּעָה, וְיֵשׁ דִּבּוּר בְּדֵעָה", כְּדֵי מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט דַארְף מֶען קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, "וּשְׁנֵי בְּחִינוֹת אֵלּוּ, הֵן בְּחִינַת 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא וְשִׂמְחַת תּוֹרָה'", וַוייל פַאר מֶען קוּמְט אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט - וָואס דָאס אִיז 'שִׂמְחַת תּוֹרָה' - דַארְף מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם שְׁטַאפְּל פוּן 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא'. "כִּי 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא' הוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּלֹא דֵּעָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲרָבָה, כִּי עֲרָבָה דּוֹמָה לִשְׂפָתַיִם", עֲרָבוֹת זֶעט אוֹיס וִוי דִי לִיפְּן, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז קוֹדֶם דַארְף מֶען נוּצְן דִי לִיפְּן, מֶען דַארְף אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָארְט אַרָאפּ דֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְּאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגּוּמָא דְּלָא יָדַע", אָבֶער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", זָאל עֶר ווִיסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא

חַדֵּי בְּהַהִיא מִלָּה״, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם. ״וְקַבִּיל לָהּ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, ״וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא״, אוּן עֶר פְלַאנְצְט אַיין דִי וֶוערְטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, ״וְאִתְעֲבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין״ אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, ״וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל״, וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן ׳עֲרָבוֹת׳, ״הֲדָא הוּא דִכְתִיב (מִשְׁלֵי ה, יט): בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד״; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען.

קֵיינֶער קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶעם אַז דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, אָבֶּער דֶער מְצִיאוּת אִיז אַז זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט צוּלִיבּ דֶעם וַוייל אִין אָנְהֵייבּ וֶוען זֵיי הֵייבְּן אָן לֶערְנֶען פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי נִישְׁט וָואס זֵיי לֶערְנֶען, דוּרְכְדֶעם וֶוערְן זֵיי מְיוּאָשׁ אוּן לָאזְן אִינְגַאנְצְן אָפּ דָאס לֶערְנֶען, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ ״סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד״, אַ גְרִינְגֶע זִיסֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו): ״טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ״, עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, ״וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן״, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, ״וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר־כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר״, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

נָאכְדֶעם בְּרֶענְגְט רֶבִּי נָתָן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר״, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, ״וּמִמֵּילָא יָבִין״, אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. ״וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף

וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמְמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּיכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה"", ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", ווייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט ווייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה

לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", און זֵייעֶר אַסאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט און גֶעקֶוועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, און עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים, און זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כוּלָהּ. עיי"ש.

דֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִיז אַ דֶרֶךְ הַלִּימוּד פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל - פוּנֶעם שְׁוַואכְסְטְן קָאפּ בִּיזְן טִיפְסְטְן קָאפּ; דֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט לֶערְנֶען פַאר אִים זָאגְט דֶער רֶבִּי: "רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ. וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", און פַאר דֶעם וָואס וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, נִיטְאַמָאל דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, פַאר אִים זָאגְט דֶער רֶבִּי: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד; לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", דֶער רֶבִּי ווִיל אֵיין זַאךְ "מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן לֶערְנֶען, צוּלִיבּ דֶעם אַז מֶען ווִיל בֶּעסֶער לֶערְנֶען".

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק לֵייגְן אַלֶע דַיינֶע חָכְמוֹת און אָנֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד", וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מְטַיֵּיל זַיין בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ און דוּ וֶועסְט הָאבְּן אָנְגֶעפִילְטֶע טֶעג; יֶעדְן טָאג וֶועט דִיר זַיין אָנְגֶעפִילְט מִיט תּוֹרָה, און צוּם סוֹף וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין נָאךְ מֶער ווִי דִי וָואס לַאכְן אָפּ פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וְכוּ'.

מוֹהֲרַנַ"ת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (אות יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד" שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל", וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד"; "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ?! טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּשׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים

בְּחַיֵּיכֶם״, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה׳ן מִיט קֵיינֶעם, נָאר גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, ״כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיוּת גַּשְׁמִי וְחִיוּת רוּחְנִי״, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סֵיי בְּרוּחָנִיוּת, ״אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקָר הַלִימוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרַךְ״, ווָאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר לִימוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

# שִׂמְחַת תּוֹרָה

**וֶוען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשִׁיּוֹת וְזֹאת הַבְּרָכָה אוּן בְּרֵאשִׁית**

**שְׁאֵלָה:**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ טוּ מִיט דִי פַּרְשִׁיּוֹת וְזֹאת הַבְּרָכָה אוּן בְּרֵאשִׁית? אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט קֶענֶען עֶנְדִיגְן אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דָאס זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן רַשִׁ"י הֵייסְט אַ הֶפְסֵק אִינְמִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

**תְּשׁוּבָה:**

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפ"ה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן ווִילְנֶער גָאוֹן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף יָאר אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אַז מֶען הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיךְ רַשִׁ"י; אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (שָׁם, סְעִיף ב): "וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם, וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י", אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סַיי תַּרְגּוּם אוּן סַיי מִיט רַשִׁ"י. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י; מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן שַׁר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזְא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט

אִין דִי הֵיכַל פוּן רַשִׁ"י", אוֹיךְ שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדֶע וָואךְ אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט מֶען נָאךְ פוּן צַדִיקִים אוֹיף דֶעם לָשׁוֹן וָואס שְׁטֵייט אִין מְחַבֵּר: "וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם, וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י", אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סַיי תַּרְגּוּם אוּן סַיי מִיט רַשִׁ"י, אַז דָאס אַלֵיין מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן אַ יְרֵא שָׁמַיִם.

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אַז אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן.

אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַיינְגֶעפִירְט אַ סֵדֶר פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְ'ן וָואךְ, אוּן אַזוֹי הָאבְּן אַלֶע רֶבִּי'ס פוּן חַבַּ"ד זִיךְ גֶעפִירְט, אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ הַיינְט אוֹיךְ חֲסִידֵי חַבַּ"ד, יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְן וָואךְ, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם.

וֶוען מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן מֶען לֶערְנְט רַשִׁ"י, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק - פַארְקֶערְט דָאס אִיז דִי מִצְוָה, צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י. בִּכְלַל דַארְף מֶען וִויסְן אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז מַפְסִיק אִיז מֶען יוֹצֵא, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (שָׁם): "מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת אֵין צְרִיכִים לַחֲזוֹר וְלִקְרוֹת הַפָּרָשָׁה בְּשַׁבָּת", אַ מְלַמֵּד וָואס לֶערְנְט דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה מִיט דִי קִינְדֶער דַארְף נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וַוייל עֶר הָאט דָאס שׁוֹין גֶעלֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז מַפְסִיק, אוּן אֲפִילוּ מֶען זָאגְט עֶס נִישְׁט מִיט קַיין טַעֲמִים (טְרָאפְּן) אִיז מֶען יוֹצֵא לְכַתְּחִילָּה.

עֶס אִיז יָדוּעַ דֶעם סִיפּוּר בַּיי סַאטְמֶער חֲסִידִים אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן אֵלֵינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְווֵיי קִינְדֶער דֶער 'עֲצֵי חַיִּים' אוּן דֶעם בַּעַל 'דִּבְרֵי יוֹאֵל', וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין, זֵיי זָאלְן גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מִנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן זֵיי גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "קִינְדֶערְלֶעךְ, פִּילֶעוֶועט זִיךְ אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י {לֶערְנְט אַסַאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י}, אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גְרוֹיסֶע גְּאוֹנִים

וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גְעוואוּסְט וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גְעלֶערְנְט חוּמָּשׁ רַשִׁ"י".

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גְעוֶוען אִין שְׁטָאט חוּסְט, וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער עֲרוּגַת הַבּשֶֹׁם אִיז גְעוֶוען רַב, דֶער עֲרוּגַת הַבּשֶֹׁם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גְעהַאט אַ יְשִׁיבָה פוּן עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים, אוּן דֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם עֲרוּגַת הַבּשֶֹׁם, אוּן דֶער עֲרוּגַת הַבּשֶֹׁם הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל בַּאזוּכְן זַיין יְשִׁיבָה, עֶר זָאל זֵיין וִוי פְלַייסִיג זֵיי לֶערְנֶען, אוּן וִוי עֶרְלִיךְ זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, אוּן רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי יְשִׁיבָה זֶען דִי בָּחוּרִים, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער עֲרוּגַת הַבּשֶֹׁם גֶעפְרֶעגְט: "נוּ, וָואס זָאגְט אִיר אוֹיף מַיינֶע בָּחוּרִים?" הָאט אִים רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם!" הֶערְנְדִיג דָאס אִיז דֶער עֲרוּגַת הַבּשֶֹׁם גְעוָוארְן זֵייעֶר דֶערשְׁרָאקְן אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט, וִוי אַזוֹי קֶען זֵיי אַזַא זַאךְ? אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע: "רֶבִּי, פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַזוֹי?!" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין חוּמָּשׁ רַשִׁ"י!" דֶער עֲרוּגַת הַבּשֶֹׁם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גְעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, הָאט עֶר נָאכְגֶעפָארְשְׁט בַּיי זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיבּ זֵיי עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָּשׁ רַשִׁ"י, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז נִישְׁט, וַוייל דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פַארְהֶער פְלֶעגְט פָארְקוּמֶען פְרַייטָאג צוּפְרִי, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען קַיין צַייט וֶוען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, הָאט שׁוֹין דֶער עֲרוּגַת הַבּשֶֹׁם פַארְשְׁטַאנֶען אַז רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע וֵוייסְט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין זַיין יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל פַארְהֶערְן זוּנְטָאג, אוּן מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָּשׁ רַשִׁ"י.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פוּן וֶוען מֶען קֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה; מֶען קֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֵיינֶען וְזֹאת הַבְּרָכָה, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה. אוֹיךְ קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית מִיּוֹם רִאשׁוֹן וָאֵילָךְ, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, {בִּפְרַט הַיי יָאר וֶוען שִׂמְחַת תּוֹרָה גְעפַאלְט אוֹיס פְרַייטָאג, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר שַׁבָּת צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ שׁוֹין

אָנְצוּהֵייבְּן פוּן זוּנְטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת יֶעדְן טָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם}.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס הַאלְטְן נִישְׁט אַזוֹי, אָבֶּער אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם אַז מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, {בִּפְרַט וֶוען שִׂמְחַת תּוֹרָה גֶעפַאלְט אוֹיס אַזוֹי וִוי דִי יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה - פְרַייטָאג, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען לֵיינְט שׁוֹין בַּיי מִנְחָה פַּרְשַׁת נֹחַ}.

ווּאוֹיל אִיז פַאר דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וֶועט עֶר שַׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

**שְׁאֵלָה:**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית נָאךְ פוּן פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן דֶער מְקוֹר צוּ דִי הֲלָכָה.

**תְּשׁוּבָה:**

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר ווּאוּ אִיז דֶער מְקוֹר אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט יֶעדֶעס יָאר מְעוֹרֵר זַיין אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אַז מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין זוּנְטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער מְחַבֵּר פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים הֲלָכוֹת שַׁבָּת, סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; אֲפִילוּ מֶען הָאט נָאךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם מִצְוָה אִיז, וַוייל מֶענְטְשְׁן זוּכְן שְׁלֵימוּת, מֶען וִויל מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן וִויבַּאלְד עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר רוֹב מֶענְטְשְׁן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת,

בִּפְרַט ווינְטֶער וֶוען דֶער זְמַן אִיז זֵייעֶר פְּרִי, דֶערְפַאר זֶענֶען מֶענְטְשְׁן נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, און מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דֶעם.

אויף דֶעם אִיז דִי עֵצָה צו טוּן אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (שָׁם) אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן פוּן זוּנְטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵמוּת, אַזוֹי ווִי דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה (שָׁם) בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּן סֵפֶר מַטֵּה יְהוּדָה: ״אִם הוּא קוֹרֵא מִתְּחִלַּת הַשָּׁבוּעַ וְהָלְאָה, הוּא גַּם כֵּן בִּכְלָל מִצְוָה מִן הַמֻּבְחָר״.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת, הֲלָכָה ג) דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר ווַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס מֶענְטְשְׁן ווילְן שְׁלֵימוּת, זֵיי ווִילְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען עֶס טוּן מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת און אַלֶע הִדּוּרִים. עֶר גֶעבְּט אַ מָשָׁל, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען עֶר גֶעבְּט אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה, וָואסֶערֶע רַעַשׁ דָאס מַאכְט אוֹיבְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעגֶעבְּן כְּסֵדֶר פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה. אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט וָואס עֶס גֶעשֶׁעט אִין הִימְל וֶוען עֶר לֶערְנְט אַ דַף גְּמָרָא, וָואסֶערֶע שִׂמְחָה עֶס וֶוערְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים, וָואלְט עֶר זִיכֶער מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְּמָרָא. נָאר דִי סִיבָּה - זָאגְט רֶבִּי נָתָן - פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן טוּעֶן דָאס נִישְׁט אִיז, ווַייל דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳וָואס אִיז שׁוֹין אֵיין פְּרוּטָה? וָואס אִיז שׁוֹין אֵיין דַף גְּמָרָא? אִיךְ דַארְף טוּן אַסַאךְ אוֹיף אַמָאל וְכוּ׳, אִיךְ דַארְף טוּן דִי מִצְוֹת מִיטְ׳ן גַאנְצֶע שְׁלֵימוּת׳, און ווִיבַּאלְד עֶר קֶען עֶס נִישְׁט טוּן בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת, טוּט עֶר גָארְנִישְׁט, עַיֵּין שָׁם.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעוואוּסְט וָואס עֶס גֶעשֶׁעט אִין הִימְל וֶוען עֶר רֶעדְט אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר גֶערֶעדְט נָאךְ אַ וָוארְט און נָאךְ אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר ווִיבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר דַארְף רֶעדְן אַ גַאנְצֶע שָׁעָה אוֹיף אֵיין מָאל, און עֶר קֶען נִישְׁט, טוּט עֶר גָארְנִישְׁט.

מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט יֶעדֶע יָאר זִיךְ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן זוּנְטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ״י, עֶס אִיז אַ לַאנְגֶע סֶדְרָה, און אַז מֶען עֶנְדִיגְט דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְשָׁה, וֶועט

מֶען אַ גַאנְץ יָאר מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אַז מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה דִי עֶרְשְׁטֶע וָואךְ אִיז מֶען שׁוֹין דִי צְוֵוייטֶע וָואךְ אוֹיךְ נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט שׁוֹין בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אוּן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ עֶנְדִיגְן פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, אַז זוּנְטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה. וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, סַיי דִי יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס מֶען בַּאקוּמְט דוּרְכְדֶעם, סַיי דִי סְגוּלָּה פוּן אֲרִיכוּת יָמִים אוּן סַיי פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח, וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דִי מִצְוָה.

גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב): "עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז צוּ גֵיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָן קַיין חָכְמוֹת. אוּן דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן צוּם סוֹף אָפְּגֶעלָאזְט זֵייעֶר אִידִישְׁקֵייט, אִיז גֶעוֶוען וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט חָכְמוֹת.

## שִׂמְחַת תּוֹרָה מַאכְט מֶען אַ פַארְקֶערְטֶע הַגְבָּהָה

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט בְּשֵׁם זַיין טַאטֶע'ן – דֶער טָאקְאַי'עֶר רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז שִׂמְחַת תּוֹרָה מַאכְט מֶען אַ פַארְקֶערְטֶע הַגְבָּהָה אוּן דֶער וָואס גֵייט הַגְבָּהָה זֶעט אַ לֵיידִיגֶע שְׁטִיק פַּארְמֶעט, צוּ וַוייזְן פַאר'ן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט מֵיינֶען אַז וויבַּאלְד עֶר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט לֶערְנֶען, דֶערִיבֶּער וַוייזְט מֶען אִים: 'קוּק אַז דֶער פַּארְמֶעט אִיז לֵיידִיג, מֶען דַארְף נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה'.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועסְטוּ זַיין צוּפְרִידְן; גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דֶער רִיכְטִיגֶער צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אִין אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; בִּפְרַט אַז מִיר הָאבְּן דֶעם 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד' פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס זָאגְט אַז אֲפִילוּ

מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

## דֶער רֶבִּי פּוּלְט אוּנְז אָן מִיט תּוֹרָה

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוַת סוּכָּה אוּן ד׳ מִינִים, טַאנְצְן דִי הַקָּפוֹת, זָאגְן הַלֵּל אוּן נַעֲנוּעִים, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה; צֶענְדְלִיגֶע אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים קוּמֶען מִיר זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אֵיינֶער מִיט רַשִׁ"י אוּן אֵיינֶער אָן רַשִׁ"י, דֶער הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, דֶער מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן דֶער תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר זֶענֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז סְחוֹרָה אִין דֶער הַאנְט; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א) אַז דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת הָאט גֶעזוּכְט אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי בַּת מֶלֶךְ פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, אוּן עֶר הָאט אִיר גֶעזוּכְט בִּיז מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעעֶרְדְט אוּן גֶעזָאגְט: "מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא", אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס דִי ווילְדֶע גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים אַוֶועק גֶעמַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא", אוּן מוֹהֲרָנַ"ת זָאגְט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן "עֶס אִיז ׳בְּוַדַּאי ׳יָא ׳דָא" אִיז ׳בְּיַד׳, דָאס הֵייסְט אַזוֹי: אִיךְ קוּק אוֹיף מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מַיין הַאנְט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳, קֶענְסְטוּ מִיר נִישְׁט זָאגְן אַז "מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט" אִיךְ הָאבּ ׳בְּיַד׳ כָּל טוּב, אוּן דוּ זָאגְסְט מִיר "מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט"?!

דָאס זֶעט מֶען יֶעצְט, אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ יָאר אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט תּוֹרָה - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה. מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, ׳שִׂמְחַת תּוֹרָה׳ אִין אַלֶע שׁוּל׳ן וֶוערְט מֶען צֶעלָאזְט אוּן מֶען דְרֵיידְט אִיבֶּער דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּנֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען אוּן מֶען טְרִינְקְט בִּיז מֶען וֶוערְט שִׁיכּוֹר וְוִי לוֹט, מֶען קֶען זֶען

אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען בַּאזֶעסְן אוּן נָארְמַאל, דָאךְ מַאכְן זֵיי זִיךְ מְשׁוּגָע וְכוּ׳ וְכוּ׳, פַארְוָואס? פַארְוָואס דְרֵיידְט מֶען אִיבֶּער דֶעם גַאנְצְן בֵּית הַמֶדְרָשׁ? וַוייל מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען זֶעט זִיךְ נַאקֶעט פוּן תּוֹרָה, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וַוייל מֶען הָאט גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְץ יָאר, דֶערְפַאר טְרִינְקְט מֶען זִיךְ אָן אוּן מֶען וֶוערְט צֶעוִוילְדֶעוֶועט אוּן מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּנֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען.

אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיים רֶבִּי׳נְס הֵיכַל שִׁיכּוֹרְ׳ט מֶען נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן; מֶען לֶערְנְט אַ גַאנְץ יָאר יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אַ דַף גְמָרָא וְכוּ׳ וְכוּ׳. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין דִי הַקָפוֹת אִין יְשִׁיבָה, יֶעדֶער הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי תּוֹרָה, בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעטַאנְצְן מִיט דִי תּוֹרָה מִיט אַזַא שִׂמְחָה אַזוֹי וִוי גְרוֹיסֶע רֶבִּי׳ס וָואס טַאנְצְן פַאר טוֹיזְנְטֶער חֲסִידִים, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי דִי גְרֶעסְטֶע מְחוּתָּנִים וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר.

יֶעצְט אִיז דִי צַייט אָנְצוּהֵייבְּן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה בְּלִימוּד הַתּוֹרָה, אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעפַאנְגֶען חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין. אוֹיךְ זֶע צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רד) ״׳תַּלְמוּד׳ גִימַטְרִיָּא שֶׁל הַקְלִיפָּה הַמַחְטַאת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִקְרֵאת ׳לִילִית׳״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית.

אָן תּוֹרָה אִיז אַ מֶענְטְשׁ אִין אַ סַכָּנָה יֶעדֶע מִינוּט, מֶען קֶען זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז מֶען הָאט שַׁייְכוּת מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נא) ״אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶנִי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד״, דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אָן תּוֹרָה אִיז אַלֶעס אֵיין שְׁטִיק דִמְיוֹן. מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה: ״נָאךְ אַ סִימָן אִיז דָא, אַז אַן אֱמֶת׳עֶר צַדִיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעס אוֹיסֶער פוּן תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶעט אַז דוּרְךְ יֶענֶעם בַּאקוּמְט אִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז אַ סִימָן אַז אִיר זֶענְט בַּיי אַן אֱמֶתְ׳ן צַדִיק״.

## די סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן שִׁיכּוֹר'ן זִיךְ אָן שִׂמְחַת תּוֹרָה

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ; וֶוען עֶס קוּמְט שִׂמְחַת תּוֹרָה, מַאכְט זִיךְ אִין אַלֶע שׁוּלְ'ן אַז מֶענְטְשְׁן טְרִינְקֶען זִיךְ אָן, אוּן מֶען שִׁיכּוֹר'ט זִיךְ אָן, אוּן דָאס עֶס שְׁטֶערְט דֶעם גַאנְצְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וְכוּ' וְכוּ', וָואס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן שִׁיכּוֹרְ'ן זִיךְ אָן שִׂמְחַת תּוֹרָה? נָאר דִי סִיבָּה אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט: אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין צַדִּיק וָואס שַׁיינְט אִין אִים אַרַיין אַז עֶר קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ זַיין דָּבוּק צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר קֶען זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, בִּפְרַט אַז דֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן, אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ אַ שְׁנֶעלֶע חֶשְׁבּוֹן: וָואס גֵייט זַיין מִיט מִיר? עֶס אִיז יֶעצְט גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה, סְלִיחוֹת, תַּשְׁלִיךְ, כַּפָּרוֹת, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, ד' מִינִים, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת, אוּן יֶעצְט שְׁטֵייט עֶר דָא דֶעם לֶעצְטְן טָאג - שִׂמְחַת תּוֹרָה, בֶּעפָאר אַ לַאנְגְן ווִינְטֶער, אוּן עֶר קוּקְט זִיךְ אָן אַז עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן נַאקֶעט; אָן קַיין תּוֹרָה, אָן קַיין תְּפִלָּה אוּן אָן קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, דֶערְפַאר נֶעמְט מֶען זִיךְ צוּם טְרִינְק.

אָבֶער מִיר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וְתַלְמִידָיו, וָואס זֵיי לֶערְנֶען אוּנְז אוֹיס אַז מִיר קֶענֶען יָא לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיךְ לֶערְן, דָאךְ זָאל אִיךְ וַוייטֶער לֶערְנֶען, אוּן זֵיי לֶערְנֶען מִיט אוּנְז אַז אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן קֶען אִיךְ מִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן צוּרִיקְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס - בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת, אוּן זֵיי לֶערְנֶען אוּנְז אוֹיס אַז אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין אוּנְז, זָאל אִיךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת; אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן. וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן, פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ וְכוּ' וְכוּ'".

מִמֵּילָא וֶוען עֶס קוּמְט שִׂמְחַת תּוֹרָה דַארְפְן מִיר נִישְׁט טְרִינְקֶען אוּן זִיךְ אָנְ'שִׁיכּוֹרְ'ן אוּן צֶעשְׁטֶערְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, פַארְקֶערְט גָאר, עֶס אִיז פַאר אוּנְז דָאס פְרֵיילִיכְסְטֶע טָאג פוּן יָאר, יֶעדֶער אִיז פַארְנוּמֶען צוּ צֵיילְן זַיינֶע סִיוּמִים, דֶער

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ עֶנְדִיגְן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם; אַ צְוֵוייטֶער דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ עֶנְדִיגְן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה מִיט רַשִׁ"י; דֶער הָאט גֶעעֶנְדִיגְט תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ, דֶער הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל מַסֶכְתּוֹת פוּן תַּלְמוּד בַּבְלִי, דֶער הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל מַסֶכְתּוֹת פוּן תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי וְכוּ' וְכוּ'; דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קלה): "אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק, יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב", וַוייל אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב פְרֵייט אִיךְ זִיךְ מִיטְ'ן יוֹם טוֹב אַלֵיין, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ נִישְׁט מִיט טְרִינְקֶען אָדֶער מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן וְכוּ' וְכוּ'.

# דְּרָשׁוֹת

## אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן זַיין קְלוּג אוּן נִישְׁט גֶערֶעכְט

יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג יוֹם טוֹב אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעגֶעבְּן אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן זַיין קְלוּג אוּן נִישְׁט גֶערֶעכְט.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:

דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען צוּ זָאגְן יֶעדֶע יוֹם טוֹב אַ תְּפִלָּה וָואס מֶען זָאל זָאגְן בִּשְׁעַת פְּתִיחַת הָאָרוֹן, עֶר הָאט גֶעמַאכְט יֶעדֶע יוֹם טוֹב אַ בַּאזוּנְדֶערֶע תְּפִלָּה, (עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין דִי סַאטְמַארֶ'ע סִדּוּרִים, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט עֶס אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מַחְזוֹר 'עֵת רָצוֹן' לְרֹאשׁ הַשָּׁנָה), עֶס אִיז הֶערְלִיכֶע יְהִי רָצוֹן'ס. בֶּעט מֶען דָארְט אוּם סוּכּוֹת דֶעם לָשׁוֹן: "וְהָגֵן בַּעֲדֵנוּ מִשַּׁלְהוֹבוֹי וּמִדִּינוֹי דְּצֶדֶק", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן דִי פֵייעֶר אוּן דִּין פוּן 'צֶדֶק'.

## שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת

אוּן אַזוֹי שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין אִדְּרָא זוּטָא[1] (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ), רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, דְרֵיי זַאכְן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ (שָׁם, דַף רפח:): "אַסְהַדְנָא עָלַי לְכָל אִלֵּין דְּהָכָא, דְּהָא מִן יוֹמָאי לָא בָּטִילְנָא אִלֵּין ג' סְעוּדָתֵי", אִיךְ זָאג עֵדוּת אוֹיף מִיר אַז אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפֶעלְט צוּ עֶסְן אוּם שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת, {דִי סְפָרִים פְרֶעגְן שׁוֹין, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר יֶעדֶע וָואךְ שַׁבָּת גֶעגֶעסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין דִי מְעָרָה פַאר דְרַייצְן יָאר, אוּן דָארְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חַלָּה, נָאר אַ בָּאקְסֶער בּוֹים, אוּן אוֹיף בָּאקְסֶער קֶען מֶען

[1] דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט: אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר פְרִיעֶר גֶעזָאגְט עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט 'אִדְּרָא', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶערְנְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִדְּרָא, סֵיי אִדְּרָא רַבָּא אוּן סֵיי אִדְּרָא זוּטָא, דַארְפְן מִיר זֶען צוּ עֶנְדִיגְן כָאטְשׁ אֵיין מָאל דֶעם אִדְּרָא.

נִישְׁט יוֹצֵא זַיין סְעוּדוֹת שַׁבָּת. הָאב אִיךְ גֶעזֶען אַ תֵּירוּץ, אַז יֶעדְן שַׁבָּת אִיז דֶער בָּאקְסֶער בּוֹים גֶעוָוארְן אַ טֵייטְלְבּוֹים (סֵפֶר מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת, אוֹת חֵית, עֲנַף חָרוּב), אוּן אוֹיף טֵייטְלֶען אִיז דָא אַ שִׁיטָה אַז מֶען קֶען יוֹצֵא זַיין סְעוּדוֹת שַׁבָּת (עַיֵּין פְּרִי מְגָדִים, אֵשֶׁל אַבְרָהָם, אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רעג, סְעִיף קָטָן יא), וַוייל טֵייטְלֶען זֶעטִיגְט (עַיֵּין מָגֵן אַבְרָהָם אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רח, סְעִיף קָטָן כה)}.

## אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ (שָׁם, דַף רצא:): "אַסְהַדְנָא עָלַי. דְּכָל יוֹמִין דְּקָאֵימְנָא, תָּאִיבְנָא לְמֶחֱמֵי יוֹמָא דָּא", אִיךְ זָאג עֵדוּת אוֹיף מִיר אַז מַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט אוֹיף דֶעם טָאג וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט.

## דִי פֵייעֶר אוּן דִין פוּן 'צֶדֶק'

דִי דְרִיטֶע זַאךְ (שָׁם, דַף רצב.): "אַסְהַדְנָא עָלַי, דְּכָל יוֹמָאי הֲוֵינָא מִצְטַעֵר עַל עָלְמָא, דְּלָא יֶעֱרַע בְּדִינוֹי דְּצֶדֶק, וְלָא יוֹקִיד עָלְמָא בְּשַׁלְהוֹבוֹי", אִיךְ זָאג עֵדוּת אוֹיף מִיר אַז מַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִצְטַעֵר גֶעוֶוען, דִי וֶועלְט זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן דוּרְךְ דִי פֵייעֶר אוּן דִין פוּן 'צֶדֶק'.

## 'צֶדֶק' - מֵיינְט גֶערֶעכְט

עֶס אִיז זִיכֶער דָא הוֹיכֶע סוֹדוֹת וָואס דָאס פֵייעֶר אוּן דִין פוּן 'צֶדֶק' בַּאדֵייט, אָבֶער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוֹיסֶער דִי אַלֶע הוֹיכֶע סוֹדוֹת זָאל מֶען זוּכְן וָואס מֶען קֶען נֶעמֶען אִין הַאנְט, וָואס דָאס קֶען מֵיינֶען פַאר מִיר, אַ זַאךְ וָואס אִיךְ קֶען נִיצְן אִין לֶעבְּן[2]. הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַ פָּשׁוּט'עֶ פְּשַׁט וָואס מִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין, 'צֶדֶק' - מֵיינְט גֶערֶעכְט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, מִיט זַיין וַוייבּ, מִיט זַיינֶע שְׁכֵנִים, מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, אַזַא

2 דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט: אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיין שְׁוָואגֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, פְּרֶעגְט עֶר אִים: "וואוּ הָאסְטוּ גֶעדַאוֶוענְט?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "בַּיי ... אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּם 'צַדִּיק הָאֱמֶת'"; אִינְטֶערֶעסַאנְט, גֶעבְּרֶענְגְט קַיין אוּמַאן הָאט אִים אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָבֶער גֵיין גֵייט עֶר צוּ יֶענֶעם וַוייל יֶענֶער אִיז 'צַדִּיק הָאֱמֶת'... וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר? עֶר קֶען דִיר עֶפֶּעס גֶעבְּן אִין לֶעבְּן? עֶר קֶען דִיר גֶעבְּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת? עֶר קֶען דִיר מַאכְן אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין?!

מֶענְטְשׁ וֶוערְט פָּשׁוּט פַארְבְּרֶענְט; עֶר רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט מִיט טַאטֶע מַאמֶע אַ לַאנְגֶע צַייט וַוייל עֶר אִיז גֶערֶעכְט...

### זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט

מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר׳ן מִיט אוּנְז דֶעם וָוארְט: ״זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט״; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה - נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט נָאר זוּכְן וואוּ מֶען קֶען זַיין קְלוּג. אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן מַחֲלֹקֶת הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט צוּ זַיין גֶערֶעכְט. דָאס הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט אִין טָאג פוּן זַיין הִסְתַּלְּקוּת: אִיךְ זָאג עֵדוּת אוֹיף מִיר אַז מַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דִי זַאךְ פוּן ׳צֶדֶק׳, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין גֶערֶעכְט.

דָאס בֶּעטְן מִיר בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן, אִיךְ וִויל זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּ דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן וִוי אַזוֹי עֶס אִיז״.

### אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

דָאס קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין סוּכּוֹת וֶוען מֶען זִיצְט אִין דִי סוּכָּה, מֶען אִיז אִינְגַאנְצְן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט מֶען דָארְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּ אִים, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט אַלֵיינְס, אֲפִילוּ אַ בְּלֶעטְל וָואס פַאלְט אַרָאפּ פוּן בוֹים אִיז אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע.

### אֱמוּנָה אִיז דְבֵיקוּת

אוּן דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּ וָואס אַ אִיד קֶען צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר זָאל זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט דְבֵקוּת בַּה׳? דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: ״אֱמוּנָה אִיז דְבֵיקוּת״, אַ מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אִיז אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז עֶר דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### חֶדֶר מְיֻחָד

אֵיינֶער אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין חֶדֶר מְיֻחָד אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל הָאבְּן אַ חֶדֶר מְיֻחָד פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: אוּנְטֶערְ'ן טַלִית אִיז אוֹיךְ אַ חֶדֶר מְיֻחָד, מֶען דֶעקְט זִיךְ אִיבֶּער דָאס פָּנִים מִיטְ'ן טַלִית אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ערה).

### בִּילְיָאן דָאלֶער - מִיט אַ בֵּי"ת...

מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן 'וֶוען אִיךְ וֶועל הָאבְּן מִילְיָאן דָאלֶער, וֶועל אִיךְ זִיךְ בּוֹיעֶן אַ הוֹיז מִיט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטָאק אַלְס חֶדֶר מְיֻחָד אוּן דַאן וֶועל אִיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'. גֶעלְט אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע דִמְיוֹן, גֶעלְט אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע תַּאֲוָה, וִויפִּיל מֶען הָאט דֶערְפוּן אִיז מֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן, אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ וִויל נָאר מִילְיָאן דָאלֶער, אֵיינְמָאל עֶר הָאט שׁוֹין מִילְיָאן דָאלֶער דַארְף עֶר נָאךְ מִילְיָאנֶען דָאלַארְן, אֵיינְמָאל עֶר הָאט שׁוֹין מִילְיָאנֶען דָאלַארְן דַארְף עֶר נָאךְ בִּיז בִּילְיָאן דָאלֶער... דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה, עֶר זָאל דָאס יָאר אָנְקוּמֶען צוּ בִּילְיָאן דָאלֶער - מִיט אַ בֵּי"ת, נִישְׁט מִיט אַ מֶ"ם... זֶעט מֶען וִוי גֶעלְט מַאכְט מַמָּשׁ מְשׁוּגָע אַ מֶענְטְשׁ.

### ד' מִינִים - הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶּעלְד...

הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, וֶוען מֶען שְׁטֵייט בַּיים דַאוֶונֶען מִיט דִי ד' מִינִים אִין דִי הַאנְט קֶעגְן דָאס פָּנִים, אוּן מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן מֶען דֶעקְט זִיךְ צוּ מִיט דִי טַלִית, קֶען מֶען נָאר זֶען דִי ד' מִינִים, אִיז מֶען שׁוֹין אוֹיךְ יוֹצֵא דִי שִׂיחָה פוּן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶּעלְד, וַוייל מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט אַרוּיס

פוּנֶעם טַלִית, נָאר אַ פֶּעלְד, דֶער לוּלָב אִיז אַ צְוַוייג, דִי בְּלֶעטֶער זֶענֶען דִי הֲדַסִּים און עֲרָבוֹת, און דֶער אֶתְרוֹג אִיז דִי פְּרוּכְט.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, און נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

### אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן קוּקְן גוּט אוֹיף מֶענְטְשְׁן

יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעוֶוען אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג יע״א. דֶעם צְוֵוייטְן טָאג יוֹם טוֹב אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ׳ן דַאוֶונֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעגֶעבְּן אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן קוּקְן גוּט אוֹיף מֶענְטְשְׁן.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, רְפוּאָה חֵלֶק ב׳, סִימָן ד): **״הִסְתַּכְּלוּת עַל אֶתְרוֹג הוּא רְפוּאָה לִכְאֵב עֵינַיִם״**, קוּקְן אוֹיפְ׳ן אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אוֹיגְן וֶוייטָאג. מוֹהֲרַ״ת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, דָאס גֵייט אַרוֹיף סַיי בְּרוּחָנִיּוּת און סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת; בְּגַשְׁמִיּוּת, אוֹיבּ אֵיינֶעם טוּט וֵויי דִי אוֹיגְן זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְ׳ן אֶתְרוֹג און עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן. בְּרוּחָנִיּוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶר מוּז קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְ׳ן אֶתְרוֹג און עֶר וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה. מִיט דִי אֶתְרוֹג אִין הַאנְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה אוֹיף דִי אוֹיגְן.

**גוּטֶע אוֹיגְן**

מֶען קֶען צוּלֵייגְן, וָואס נָאךְ הֵייסְט אַ רְפוּאָה פַאר אוֹיגְן וֶוייטָאג; דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען ׳גוּטֶע אוֹיגְן׳, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף מֶענְטְשְׁן, עֶר זָאל פַארְגִינֶען אַ צְוֵוייטְן. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַ״ש בְּרֶענְגְט (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָנִים תקכז, תקכח) דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין טָאג פוּן דֶעם רֶבִּי׳נְס טָאכְטֶער׳ס חֲתוּנָה, אַז דֶער מְחוּתָּן רֶבִּי אַרְיֵה לֵייבּוּשׁ פוּן וָואלְטְשִׁיסְק הָאט בַּאקוּמֶען אַן הִתְעוֹרְרוּת פַּאר דִי חוּפָּה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן זִיךְ מַזְכִּיר זַיין, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן: ״הָאט מִיר אִינְזִינֶען בַּיי דִי חוּפָּה, אִיךְ הָאב שְׁלֶעכְטֶע אוֹיגְן, אִיךְ פַּארְגִין

נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן וְכוּ׳״, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט שְׁלֶעכְטֶע אוֹיגְן, וַוייל וֶוען דוּ זָאלְסְט וֶוען הָאבְּן גוּטֶע אוֹיגְן וָואלְסְטוּ גֶעפָּארְן צוּ מַאכְן דִי חֲתוּנָה בַּיי מִיר, נִישְׁט אִיךְ זָאל פָּארְן צוּ דִיר״[3].

### אִיךְ טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט...

אָבֶער כְּדֵי צוּ קֶענֶען זֶען גוּטְס בַּיי אַנְדֶערֶע דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״ש בְּרֶענְגְט אַסַאךְ מָאל אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל דִי מַעֲשֶׂה, אַז רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן זַיין חַבֵר ר׳ מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער, וָועמֶען עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעזֶען פַאר זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, אוּן פְּרֶעגְט אִים: ״וָואס מַאכְט יֶענֶער מֶענְטְשׁ וָואס וואוֹינְט אִין דַיין שְׁטָאט?״ עֶנְטְפֶערט ר׳ מֵאִיר: ״עֶר טוֹיגְט צוּ גָארְנִישְׁט״, פְּרֶעגְט רֶבִּי נָתָן וַוייטֶער: ״אוּן וָואס מַאכְט יֶענֶער חַבֵר?״ עֶנְטְפֶערְט עֶר וַוייטֶער: ״עֶר טוֹיגְט צוּ גָארְנִישְׁט״, אַזוֹי הָאט יֶענֶער חַבֵר אַוֶועקְגֶעמַאכְט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף וָועמֶען רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעפְּרֶעגְט, רֶבִּי נָתָן וואוּנְדֶערְט זִיךְ וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע טוֹיגְן מֶער גָארְנִישְׁט... פְּרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: ״אוּן וָואס מַאכְסְטוּ?״ עֶנְטְפֶערְט ר׳ מֵאִיר מִיט אַ צֶעבְרָאכְנְקֵייט: **״וָואס זָאל אִיךְ שׁוֹין זָאגְן, אִיךְ טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט״**, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: ״יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין גוּטְס אִין אַנְדֶערֶע, וַוייל דוּ אַלֵיינְס בִּיסְט זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן, דֶערְפַאר זֶעסְטוּ אִין יֶעדְן שְׁלֶעכְטְס, אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ זֶען דָאס גוּטְס פוּן דִיר – וֶועסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ זֶען דָאס גוּטְס פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן״.

### דָאס אִיז יֶענֶעמְ׳ס פְּרָאבְּלֶעם

אִיךְ זָאג אַלֶץ פַאר דִי מֵפִּיצִים, וֶוען אֵיינֶער שְׁרֵייט אוֹיף דִיר, וֶוען אֵיינֶער אִיז דִיר מְבַזֶה, הָאט דָאס גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט דִיר, עֶס אִיז נִישְׁט דַיין פְּרָאבְּלֶעם,

3 אוֹיךְ בִּשְׁעַתְ׳ן מִצְוָה טַאנְץ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט טַאנְצְן מִיט זַיין טָאכְטֶער דִי כַּלָּה, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דִי סֵדֶר אַז דִי טַאטֶע פוּן דִי כַּלָּה כַאפְּט אָן דִי כַּלָּה׳ס הֶענְט בִּשְׁעַתְ׳ן טַאנְצְן, אוּן דֶער מְחוּתְּן הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט... אוּן צוּלִיבּ דֶעם וַוייל זִי הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין רֶבִּי׳נְס כָּבוֹד הָאט זִי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער.

דָאס אִיז יֶענֶעמְ׳ס פְּרָאבְּלֶעם, יֶענֶער קוּקְט שְׁלֶעכְט אוֹיף מֶענְטְשְׁן, און יֶענֶער רֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף מֶענְטְשְׁן.

## בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הִיט שַׁבָּת

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זֶען דָאס גוּטְס פוּן זִיךְ, אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ שָׁאקְל דִי ד׳ מִינִים", "בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הִיט שַׁבָּת און יוֹם טוֹב".** אִיךְ וואוֹין בַּיי דִי עֶק פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, שַׁבָּת און יוֹם טוֹב וֶוען אִיךְ גֵיי אִין גַאס און אִיךְ זֶע גוֹיִם הֵייבּ אִיךְ גְלַייךְ אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִיךְ זָאג פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד און נִישְׁט אַ גוֹי, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הִיט שַׁבָּת און יוֹם טוֹב".**

## פוּן דִיר קֶען מֶען מַאכְן אַ סוּכָּה!

מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט, פוּן וָואס מַאכְט מֶען אַ סוּכָּה? וֶועלְכֶע סְכָךְ אִיז כָּשֵׁר פַאר אַ סוּכָּה? פוּן אָפְּפַאל פוּן תְּבוּאָה, שְׁמוּץ וָואס מֶען וַוארְפְט אַוֶועק אִין דִי מִיסְט, אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט (סוּכָּה יב.), אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט צוּדֶעקְן זַיין סוּכָּה מִיט וֵוייץ, אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט צוּדֶעקְן זַיין סוּכָּה מִיט טְרוֹיבְּן - אִיז דִי סוּכָּה פָּסוּל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מֶען זָאל דַוְקָא לֵייגְן ׳פְּסֹלֶת גֹּרֶן וְיֶקֶב׳, שָׁאלַאכְטְס און אָפְּפַאל פוּן תְּבוּאָה, אוּנְז צוּ וַוייזְן דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט ׳אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד׳, ׳אִיךְ בִּין אָפְּפַאל׳, זָאגְט מֶען אִים: **"פוּן דִיר קֶען מֶען מַאכְן אַ סוּכָּה!"** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶע מִצְוָה פוּן דֶעם, מֶען זָאל זִיצְן אַכְט טֶעג אִין אַ סוּכָּה וָואס מֶען דֶעקְט צוּ מִיט אָפְּפַאל, צוּ וַוייזְן אֲפִילוּ אַזַא שְׁוַואכֶע מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיךְ גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס עֶר דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן.

## אַלֶע אִידְן אִין אֵיין סוּכָּה

אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (וַיִּקְרָא כג, מב): **"כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת"**, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סוּכָּה כז:): **"מְלַמֵּד שֶׁכָּל יִשְׂרָאֵל רְאוּיִם לֵישֵׁב בְּסֻכָּה אַחַת"**, פוּן דֶעם פָּסוּק זֶעט מֶען אַז אַלֶע אִידְן קֶענֶען זִיצְן אִין אֵיין סוּכָּה. אַלֶע אִידְן מֵיינְט דָאךְ אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען פַארְהַאן, דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, דִי חָשׁוּבְ׳עֶ אִידְן, דִי שְׁוַואכֶע אִידְן, לִכְאוֹרָה ווִי אַזוֹי קֶענֶען אַלֶע סָארְט אִידְן זִיצְן אִין אֵיין

סוּכָּה, מֶען וָואלְט דָאךְ גֶעדַארְפְט מַאכְן בַּאזוּנְדֶערֶע סוּכּוֹת, בַּאזוּנְדֶער פַּאר דִי חָשׁוּבְ'עֶ אִידְן, בַּאזוּנְדֶער פַּאר דִי שְׁוַואכֶע אִידְן? נָאר פוּן דֶעם זֶעט מֶען אַז סוּכּוֹת אִיז דִי צַייט וָואס מֶען קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַחְדוּת, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דָאס גוּטְס פוּן יֶעדְן אִיד, אַז אַלֶע אִידְן זָאל טַאקֶע קֶענֶען זִיצְן אִין אֵיין סוּכָּה.

דֶערְפַאר בִּשְׁעַת מֶען הַאלְט דִי אֶתְרוֹג אִין הַאנְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף דִי וַוייבּ, אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוֹיף דִי שְׁכֵנִים, אוֹיף טַאטֶע מַאמֶע, אוֹיף שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, אוֹיף חֲבֵרִים א.א.וו.

אַז מֶען קוּקְט מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג אוֹיף אַנְדֶערֶע הָאט מֶען אַ צוּפְרִידֶענֶע רוּאִיגֶע לֶעבְן, אוּן פַארְקֶערְט, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן אַז מֶען קוּקְט שְׁלֶעכְט אוֹיף אַנְדֶערֶע, מֶען פַארְגִינְט נִישְׁט אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

### אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן זוּכְן דָאס גוּטְס פוּן זִיךְ אוּן אַנְדֶערֶע

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוועְן אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכ'ן דַאוֶונֶען בַּיים קִידּוּשָׁא רַבָּא הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעגֶעבְּן אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן זוּכְן דָאס גוּטְס פוּן זִיךְ אוּן אַנְדֶערֶע.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:

מִיר הָאבְּן הַיינְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי הוֹשַׁעְנוֹת {אוֹם נְצוּרָה}, {דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַ טֵייל פוּן זֵיי}: "גּוֹמֶרֶת הִלְכוֹת שַׁבָּת" - הֶעלְף דִי אִידְן וָואס לֶערְנֶען הִלְכוֹת שַׁבָּת, "הַקּוֹבַעַת אַלְפַּיִם תְּחוּם שַׁבָּת" - הֶעלְף דִי אִידְן וָואס גֵייעְן נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דֶעם תְּחוּם שַׁבָּת, "יוֹשֶׁבֶת וּמַמְתֶּנֶת עַד כְּלוֹת שַׁבָּת" - הֶעלְף דִי אִידְן וָואס וַוארְטְן שׁוֹין אַז דֶער שַׁבָּת זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן, "לְבוּשׁ וּכְסוּת מְחַלֶּפֶת בַּשַּׁבָּת" - הֶעלְף דִי אִידְן וָואס טוּעְן זִיךְ אִיבֶּערְטוֹישְׁן רֵיינֶע שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער לְכָבוֹד שַׁבָּת, "מַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה מְכִינָה לַשַּׁבָּת" - הֶעלְף דִי אִידְן

וָואס גְרֵייטְן אָן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען לְכָבוֹד שַׁבָּת, **"נוֹעַם מְגָדִים מַנְעֶמֶת לַשַּׁבָּת"** - הֶעלְף דִי אִידְן וָואס מַאכְן אַנְגֶענֶעם דֶעם שַׁבָּת מִיט גוּטֶע זִיסֶע נַאשׁ, **"סְעוּדוֹת שָׁלֹשׁ מְקַיֶּמֶת בַּשַּׁבָּת"** - הֶעלְף דִי אִידְן וָואס זֶענֶען מְקַיֵּים צוּ עֶסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת אוּם שַׁבָּת, **"עַל שְׁתֵּי כִכָּרוֹת בּוֹצַעַת בַּשַּׁבָּת"** - הֶעלְף דִי אִידְן וָואס הָאבְּן לֶחֶם מִשְׁנֶה, **"צִוּוּי הַדְלָקַת נֵר מַדְלֶקֶת בַּשַּׁבָּת"** - הֶעלְף דִי אִידְן וָואס צִינְדְן לִיכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת, **"קִדּוּשׁ הַיּוֹם מְקַדֶּשֶׁת בַּשַּׁבָּת"** - הֶעלְף דִי אִידְן וָואס מַאכְן קִידוּשׁ אוּם שַׁבָּת, **"רֶנֶן שֶׁבַע מְפַלֶּלֶת בַּשַּׁבָּת"** - הֶעלְף דִי אִידְן וָואס דַאוֶוענֶען זִיבְּן בְּרָכוֹת בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוּם שַׁבָּת, **"שִׁבְעָה בַדָּת קוֹרְאָה בַשַּׁבָּת"** - הֶעלְף דִי אִידְן וָואס רוּפְן אַרוֹיף זִיבְּן מֶענְטְשְׁן זָאלְן לֵיינֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּם שַׁבָּת.

## בִּפְרָטִיּוּת

זֶעט מֶען דָא וִוי שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע פְּרַט אוּן פְּרַט וָואס עֶר טוּט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן 'בִּכְלָלִיּוּת' מִיט דֶעם אַז מִיר הַאלְטְן שַׁבָּת, נָאר מֶען רֶעכְנְט אוֹיס 'בִּפְרָטִיּוּת' יֶעדֶע פְּרַט פוּנֶעם שַׁבָּת, אֲפִילוּ דֶעם פְּרַט אַז מִיר הָאבְּן לֶחֶם מִשְׁנֶה, אוּן מִיר עֶסְן נַאשׁ אוּם שַׁבָּת א.א.וו.

## עֶס אִיז שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע רֶעכְנְט מֶען אוֹיס אַלְס מַעֲלָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער: **"יוֹשֶׁבֶת וּמַמְתֶּנֶת עַד כְּלוֹת שַׁבָּת"** - הֶעלְף דִי אִידְן וָואס וַוארְטְן שׁוֹין אַז דֶער שַׁבָּת זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן; פִילֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דֶעם, אִיז דֶען דָאס אַ מַעֲלָה אַז מֶען וַוארְט שׁוֹין קוֹים אַז דֶער שַׁבָּת זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן? נָאר דָאס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט, אַ אִיד ווִיל טוּן אַ מְלָאכָה, עֶר ווִיל רֵייכֶערְן, עֶר ווִיל עֶרְלֶעדִיגְן זַיינֶע זַאכְן, אָבֶּער עֶר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק וַוייל עֶס אִיז שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, עֶר וַוארְט אַז דֶער שַׁבָּת זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען טוּן זַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן, וַוייל עֶר ווִיל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין, אִיז דָאס דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַבִּיסְל גוּטְס

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב): אַז מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט אִין יֶענֶעם אַבִּיסְל גוּטְס דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען יֶענֶעם צוּרִיק

בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אִין אִים 'עוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע' - אַבִּיסְל גוּטְס וָואס אִין דֶעם פְּרַט אִיז עֶר נִישְׁט קַיין רָשָׁע, דֶעמָאלְט: 'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ', וֶועט עֶר שׁוֹין נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, נָאר עֶר וֶועט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיט זִיךְ אַלֵיינְס; דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אִיז וַוייל עֶר טְרַאכְט: 'אִיךְ בִּין דָאךְ שׁוֹין סַיי וִוי אַ רָשָׁע, אִיךְ קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אָבֶּער אַז מֶען טְרֶעפְט אִין זִיךְ אַבִּיסְל גוּטְס, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### יְסוֹד אִין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, אַז דֶער תּוֹרָה אִיז נִישְׁט סְתַּם נָאךְ אַ 'תּוֹרָה' פוּן רֶבִּי'ן, נָאר דָאס אִיז דֶער 'יְסוֹד' אִין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע.

### דוּ אַלֵיינְס בִּיסְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַסַאךְ אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' דִי מַעֲשֶׂה, אַז רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן זַיין חַבֵר וֶועמֶען עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעזֶען פַאר זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ר' מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס מַאכְט יֶענֶער מֶענְטְשׁ וָואס וואוֹינְט אִין דַיין שְׁטָאט?" עֶנְטְפֶערְט ר' מֵאִיר: "עֶר טוֹיגְט צוּ גָארְנִישְׁט", פְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן וַוייטֶער: "אוּן וָואס מַאכְט יֶענֶער חַבֵר?" עֶנְטְפֶערְט עֶר וַוייטֶער: "עֶר טוֹיגְט צוּ גָארְנִישְׁט", אַזוֹי הָאט דֶער חַבֵר אַוֶועקְגֶעמַאכְט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף וֶועמֶען רֶבִּי נָתָן הָאט אִים אָנְגֶעפְרֶעגְט, רֶבִּי נָתָן וואוּנְדֶערְט זִיךְ, וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע טוֹיגְן מֶער גָארְנִישְׁט? פְּרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "אוּן וָואס מַאכְסְטוּ?" עֶנְטְפֶערְט ר' מֵאִיר מִיט אַ צֶעבְּרָאכְנְקֵייט: "וָואס זָאל אִיךְ שׁוֹין זָאגְן, אִיךְ טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט", זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין גוּטְס אִין אַנְדֶערֶע, וַוייל דוּ אַלֵיינְס בִּיסְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן,

דֶערְפַאר זֶעסְטוּ אִין יֶעדְן שְׁלֶעכְטְס, אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ זֶען דָאס גוּטְס פוּן דִיר - וֶועסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן זֶען דָאס גוּטְס פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן״.

**וִוי אַזוֹי זָאל זִי זֶען גוּטְס אִין אִיר שׁוּתָּף?**

דָאס אִיז אַ אַ גְרוֹיסֶע כְּלַל אִין לֶעבְּן; אַ פְּרוֹי וָואס אִיז בַּיי זִיךְ צֶעבְּרָאכְן, זִי אִיז אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט אוּן פַארְשֶׁעמְט אִין אִירֶע אוֹיגְן, קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל וִוי אַזוֹי זָאל זִי זֶען גוּטְס אִין אִיר שׁוּתָּף, אִיר מַאן, וֶוען זִי אַלֵיינְס אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט וֶוערְד. דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיטְ׳ן מַאן, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶר זָאל זֶען גוּטְס אִין זַיין וַוייבּ אוֹיבּ זֶעט עֶר נִישְׁט קַיין גוּטֶע נְקוּדוֹת בַּיי זִיךְ אַלֵיינְס; דֶערְפַאר דַארְפְן מַאן אוּן וַוייבּ זֶען אוֹיפְצוּזוּכְן דָאס גוּטְס אִין זִיךְ, אֲפִילוּ קְלֵיינֶע נְקוּדוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן.

**אֵיין גוּטֶע נְקוּדָה הָאבּ אִיךְ אִין מִיר**

מִיט דֶעם יְסוֹד טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, אוֹרַח חַיִּים, נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ו, אוֹת ה, ו) דָאס וָואס מִיר זָאגְן בַּיים דַאוְוענֶען אֵיידֶער מִיר זָאגְן תַּחֲנוּן: ״**תָּבוֹא לְפָנֶיךָ תְּפִלָּתֵנוּ וְאַל תִּתְעַלַּם מִתְּחִנָּתֵנוּ. שֶׁאֵין אָנוּ עַזֵּי פָּנִים וּקְשֵׁי עֹרֶף לוֹמַר לְפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ צַדִּיקִים אֲנַחְנוּ וְלֹא חָטָאנוּ, אֲבָל אֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ**״, לִכְאוֹרָה אִיז דָאס זֵייעֶר וואוּנְדֶערְלִיךְ, פַארְוָואס זָאגְט מֶען דֶער הַקְדָּמָה ״מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין עַזֵּי פָּנִים אוּן קְשֵׁי עֹרֶף צוּ זָאגְן פַאר דִיר אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, נָאר מִיר הָאבְּן יָא גֶעזִינְדִיגְט״, עֶס וָואלְט גֶעוֶוען בֶּעסֶער אַז מֶען אָנְהֵייבְּן גְלַייךְ זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין: ״אָשַׁמְנוּ. בָּגַדְנוּ. גָּזַלְנוּ...״ אִיז רֶבִּי נָתָן מַסְבִּיר: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גְרֵייט זִיךְ תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, עֶר טְרַאכְט אַרַיין אִין זַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר חַס וְשָׁלוֹם אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְטְנְדִיג: ׳אִיךְ בִּין דָאךְ שׁוֹין סַיי וִוי אַ רָשָׁע, אִיךְ קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, דֶערְפַאר אִיז מֶען זִיךְ גְלַייךְ מְחַזֵּק צוּ טְרֶעפְן אִין זִיךְ עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה, מֶען טְרֶעפְט אִין זִיךְ אַבִּיסְל גוּטְס, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מִתְוַדֶּה זַיין אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, דֶערְפַאר זָאגְט מֶען פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״**שֶׁאֵין אָנוּ עַזֵּי פָּנִים וּקְשֵׁי עֹרֶף וְכוּ׳**״, ״אֵיין גוּטֶע נְקוּדָה הָאבּ אִיךְ אִין מִיר, אַז אִיךְ גְלֵייבּ אִין דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר אוּן אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ

בִּין נָאכְנִישְׁט אַוֶועק גֶעפַאלְן אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין חַס וְשָׁלוֹם אִינְגַאנְצְן לֵייקֶענֶען אִין דִי אֱמוּנָה, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ", און יֶעצְט אַז מֶען זֶעט שׁוֹין אִין זִיךְ אֲפִילוּ אַ פִּינְטֶעלֶע גוּטְס קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן.

## אַ רְפוּאָה פַּאר אוֹיגְן וֶוייטָאג

דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג סוּכּוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דֶעם עִנְיָן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, רְפוּאָה חֵלֶק ב׳, סִימָן ד): **"הִסְתַּכְּלוּת עַל אֶתְרוֹג הוּא רְפוּאָה לִכְאֵב עֵינַיִם"**, קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַּאר אוֹיגְן וֶוייטָאג. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, דָאס גֵייט אַרוֹיף סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת און סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת; בְּגַשְׁמִיּוּת, אוֹיב אֵיינֶעם טוּט וֵויי דִי אוֹיגְן זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג און עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן. בְּרוּחָנִיּוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶר מוּז קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג און עֶר וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה. מִיט דִי אֶתְרוֹג אִין הַאנְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה אוֹיף דִי אוֹיגְן. מֶען קֶען אָבֶּער צוּלֵייגְן, וָואס נָאךְ הֵייסְט אַ רְפוּאָה פַּאר אוֹיגְן וֶוייטָאג? דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען 'גוּטֶע אוֹיגְן', עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף מֶענְטְשְׁן, עֶר זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ, אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוֹיף זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוֹיף טַאטֶע מַאמֶע און שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער.

## אַ קְלֵיינֶע שְׁוַוארְצֶע פִּינְטְל...

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען בַּאקוּקְט אַן אֶתְרוֹג קוּקְט מֶען און מֶען זוּכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק צִי עֶס הָאט נִישְׁט אֶפְשָׁר אַ קְלֵיינֶע שְׁוַוארְצֶע פִּינְטְל, אַזוֹי דַארְף מֶען קוּקְן און זוּכְן אִין זִיךְ אֲפִילוּ קְלֵיינִיקֵייטְן, קְלֵיינֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס טוּט, און זִיךְ פְרֵייעֶן דֶערְמִיט, 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ טוּ דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן',

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאב אַ קַאפְּל׳, ׳בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאב פֵּיאוֹת׳, ׳בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאב אַ בָּארְד׳ א.א.וו.

## שִׂמְחָה אִיז דָאס וויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): **״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״**, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ דֶערוֹיף זֵייעֶר שְׁטַארְק, פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט פוּן שִׂמְחָה? אָבֶער שִׂמְחָה אִיז דָאס וויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ, וַוייל נָאר אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, עֶר זֶעט גוּטֶע זַאכְן אִין זִיךְ, דַאן וִויל עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זוּכְט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם; עֶר דַאוֶוענְט שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, עֶר קוּקְט אַרַיין אִין סִידוּר בַּיים דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט אִינְזִינֶען דָאס דַאוֶוענֶען, אָבֶער אוֹיב אִיז עֶר צוּגֶעלֵייגְט, עֶר אִיז בְּעַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶר זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר קְלַאפְּט זִיךְ כְּסֵדֶר אַרָאפּ ׳וָואס אִיז דֶען וֶוערְד מַיין דַאוֶוענֶען?׳ ׳וָואס אִיז דֶען וֶוערְד מַיין לֶערְנֶען?׳

## וָואס טוּסְטוּ אוֹיף דִי וֶועלְט?

אֵיינְמָאל אַ טָאג – הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כה) – קֶען מֶען זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דָאס הַארְץ, זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, רֶעדְן צוּ זִיךְ: **״... וָואס טוּסְטוּ אוֹיף דִי וֶועלְט? בַּאלְד וֶועט מֶען דִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דֶער עֶרְד, עֶס וֶועט וַואקְסְן גְרָאז אוֹיף דַיין נָאז...״** אָבֶער דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

## פוּן דִיר קֶען מֶען מַאכְן אַ סוּכָּה!

מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, פוּן וָואס מַאכְט מֶען אַ סוּכָּה? וֶועלְכֶע סְכַךְ אִיז כָּשֵׁר פַאר אַ סוּכָּה? נָאר אָפְּפַאל פוּן תְּבוּאָה, שְׁמוּץ וָואס מֶען וַוארְפְט אַוֶועק אִין דִי מִיסְט – דָאס אִיז כָּשֵׁר פַאר סְכַךְ, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (סוּכָּה יב.) אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ וֶועט צוּדֶעקְן זַיין סוּכָּה מִיט וֵוייץ, אָדֶער מִיט טְרוֹיבְּן – אִיז דִי סוּכָּה פָּסוּל, אֲפִילוּ פַארְגְלִיוֶוערְטֶע וַויין אִיז נִישְׁט כָּשֵׁר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מֶען זָאל דַוְקָא לֵייגְן ׳פְּסֹלֶת גֹּרֶן וְיֶקֶב׳, שָׁאלַאכְץ אוּן אָפְּפַאל פוּן תְּבוּאָה, דָאס קוּמְט אוּנְז

וַוייזְן, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט בַּיי זִיךְ ׳אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד׳, ׳אִיךְ בִּין אַן אָפְּפַאל׳, ׳אִיךְ בִּין פוּן דִי סְפִיסְתָּא (דָאס אִיז אַ מַאֲכָל בְּהֵמָה)׳ זָאגְט מֶען אִים: ״פוּן דִיר קֶען מֶען מַאכְן אַ סוּכָּה!״ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶע מִצְוָה פוּן דִי סָארְט מַאטְרִיַאל, מֶען זָאל זִיצְן אַכְט טֶעג אִין אַ סוּכָּה וָואס מֶען דֶעקְט צוּ מִיט אָפְּפַאל, צוּ וַוייזְן אֲפִילוּ אַזַא שְׁוַואכֶע מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיךְ גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס עֶר דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן.

## אַלֶע אִידְן קֶענֶען זִיצְן אִין אֵיין סוּכָּה

אַזוֹי אוֹיךְ זֶעט מֶען אִין חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוּכָּה כז:) וִוי מֶען דַרְשׁ׳נְט דֶעם פָּסוּק (וַיִּקְרָא כג, מב): ״כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת״, **״מְלַמֵּד שֶׁכָּל יִשְׂרָאֵל רְאוּיִם לֵישֵׁב בְּסֻכָּה אַחַת״**, פוּן דֶעם פָּסוּק זֶעט מֶען אַז אַלֶע אִידְן קֶענֶען זִיצְן אִין אֵיין סוּכָּה. דָאס מֵיינְט אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען פַארְהַאן, דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, דִי חָשׁוּבְ׳עֶ אִידְן, דִי שְׁוַואכֶע אִידְן, אַלֶע קֶענֶען זִיצְן אִין אֵיין סוּכָּה, לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער וִוי אַזוֹי קֶענֶען אַלֶע סָארְט אִידְן זִיצְן אִין אֵיין סוּכָּה, מֶען וָואלְט דָאךְ גֶעדַארְפְט מַאכְן בַּאזוּנְדֶערֶע סוּכּוֹת פַאר אַלֶע סָארְטְן, בַּאזוּנְדֶער פַאר דִי חָשׁוּבְ׳עֶ אִידְן אוּן בַּאזוּנְדֶער פַאר דִי שְׁוַואכֶע אִידְן? נָאר פוּן דֶעם זֶעט מֶען אַז סוּכּוֹת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַחְדוּת, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דָאס גוּטְס פוּן יֶעדְן אִיד, אַז אַלֶע אִידְן זָאל טַאקֶע קֶענֶען זִיצְן אִין אֵיין סוּכָּה.

## אַהֲרֹן הָאט גֶערֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר מַאכְן שׁוֹין אַ סִיוּם אוֹיף חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, מִיר עֶנְדִיגְן שׁוֹין פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה. סוֹף פַּרְשָׁה זָאגְט דֶער פָּסוּק (דְּבָרִים לד, ח): ״**וַיִּבְכּוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת מֹשֶׁה בְּעַרְבֹת מוֹאָב**״, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן בַּאוֵוייְנְט מֹשֶׁה אִין עַרְבֹת מוֹאָב, זָאגְט רַשִׁ״י, בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ שְׁטֵייט ״**בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**״, נָאר דִי מֶענֶער הָאבְּן גֶעוֵויינְט, אָבֶּער וֶוען אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן שְׁטֵייט (בַּמִּדְבָּר כ, כט): ״**וַיִּבְכּוּ אֶת אַהֲרֹן שְׁלֹשִׁים יוֹם כֹּל בֵּית יִשְׂרָאֵל**״, דִי גַאנְצֶע הוֹיז גֶעזוּנְט פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן בַּאוֵויינְט אַהֲרֹן, וַוייל אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז גֶעוֶוען אַ אוֹהֵב

שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם, עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר פְּלֶעגְט מַאכְן שָׁלוֹם צְווישְׁן פָּארְפֶּעלְקֶער, דֶערְפַאר הָאבְן אִים אוֹיךְ דִי פְרוֹיעֶן בַּאוֵויינְט.

**דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְ'ן רֶבִּי'ן!**

דָאס אִיז דִי זַאךְ וָואס מֶען זֶעט 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער, מֶען זֶעט נִישְׁט אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר אַ רֶבִּי ווִי דָא אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְ'ן רֶבִּי'ן, מֶענְטְשְׁן ווָאוּנְדֶערְן זִיךְ דֶערוֹיף זֵייעֶר שְׁטַארְק, וָואס אִיז דֶער סִיבָּה דֶערְצוּ אַז דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְ'ן רֶבִּי'ן?! נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן 'שָׁלוֹם בַּיִת', מֶען זָאל הַאלְטְן טֵייעֶר דִי וַוייבּ, מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אִינְדֶערְהֵיים, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין דִי אַרְבֶּעט אִיז דַיין וַוייבּ דִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אַז עֶס אִיז קַאלְט אִין סוּכָּה אִיז דַיין וַוייבּ דִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אַז עֶס רֶעגְנְט אַרַיין אִין דִי סוּכָּה אִיז דַיין וַוייבּ דִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג; אִיךְ וֵויס פוּן עֶטְלִיכֶע אִידְן, וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים הוֹשַׁעְנָא רַבָּא פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן דִי קְרֶעפְּלֶעךְ זֶענֶען נָאךְ פַארְפְרוֹירְן, זֶענֶען זֵיי מְרַמֵּז מִיט זֵייעֶרֶע שְׁטֶעכֶעדִיגֶע בְּלִיקְן... אָבֶּער וֶוען אַ מַאן וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת - הֵייבְּט דִי פְרוֹי דָאס גְלַייךְ אָן צוּ שְׁפִּירְן, זִי שְׁפִּירְט ווִי אִיר מַאן רֶעכְנְט זִיךְ מִיט אִיר, אִיר מַאן הַאלְט אִיר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, דֶערְפַאר קוּמֶען זֵיי אוֹיךְ צוּם רֶבִּי'ן.

**אִיךְ בִּין מַסְכִּים מִיט צוּ גֵיין צוּ דֶעם רֶבִּי'ן**

דֶעם עֶרֶב יוֹם טוֹב בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מְנַחֵם אָבֵל זַיין בַּיי ... נֵרוֹ יָאִיר[4], הָאבְּן מִיר גֶעשְׁמוּעֶסְט אִיבֶּער זַיין טַאטֶע הָרַב עַמִיקָם מִזְרָחִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט עֶר מִיר

4 דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט: אַגַב הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט אַז קֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין, אוֹיסֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר, פַארְוָואס זָאלְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נִישְׁט הַאלְטְן צוּזַאמֶען? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְפֶעלְן גֵיין צוּ אַ נִחוּם אֲבֵלִים, אָבֶּער עֶס אִיז פִיל ווִיכְטִיגֶער פוּן גֵיין צוּ אַ שִׂמְחָה, וַוייל אַ שִׂמְחָה אִיז דָאךְ נָאר עֶטְלִיכֶע קַארְגֶע שָׁעָה, ווִידֶער וֶוען מֶען זִיצְט שִׁבְעָה אִיז עֶס זִיבְּן טֶעג וָואס מֶען גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ. אוֹיךְ ר' דָנִיֵּאל שְׁלִיטָ"א אִיז פַארְיָאר גֶעזֶעצְן שִׁבְעָה נָאךְ זַיין בְּרוּדֶער ע"ה, הָאט עֶר מִיר דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַז נָאר צְווֵיי פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען אִים גֶעקוּמֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין, רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א אוּן אִיךְ.

דָאס יָאר אִין אוּמַאן הָאבְּן מִיר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מֶען זָאל שַׁיין אוֹיפְנֶעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ

דֶערצֵיילְט וִוי אַזוֹי זַיין טַאטֶע אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם מוֹהֲרָא״שׁ. רֶבִּי עֲמִיקָם אִיז גֶעוֶוען אַ רָב, אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, אֵיין טָאג הָאט אִים רֶבִּי דָנִיֵּאל בּוֹים שְׁלִיטָ״א גֶעגֶעבְּן אַ קוּנְטְרֵס פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, ר׳ עֲמִיקָם אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם קוּנְטְרֵס, הָאט עֶר תֵּיכֶף גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר מוֹהֲרָא״שׁ, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אִים צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו וָואס הָאט אִים מוֹרָא׳דִיג בַּאנוּמֶען, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן צוּ פָארְן קַיין בָּארָא פַּארְק צוּ מוֹהֲרָא״שׁ, אוּן עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען עֶר ווִיל דָא בְּלַייבְּן נֶעבְּן מוֹהֲרָא״שׁ, הָאט עֶר גֶעמָאלְדְן זַיין וַוייבּ **״אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי, אִיךְ וִויל שׁוֹין בְּלַייבְּן דָא בַּיי דֶעם צַדִּיק אִין בָּארָא פַּארְק, אַז דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ אוֹיךְ אַהֶער קוּמֶען וואוֹינֶען...״** זַיין וַוייבּ הָאט פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ, הָאט אִים מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט עֶר מוּז צוּרִיק פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז ר׳ עֲמִיקָם צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נָאךְ דְרֵיי טֶעג הָאט אִים זַיין וַוייבּ גֶעזָאגְט: **״אִיךְ בִּין מַסְכִּים מִיט צוּ גֵיין צוּ דֶעם רֶבִּי׳ן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן!״** זִי הָאט אִין בְּלוֹיז דְרֵיי טֶעג גֶעזֶען וִוי אִיר מַאן אִיז אַזוֹיפִיל גֶעטוֹישְׁט גֶעוָוארְן זִינְט עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא״שׁ.

**רֶבִּי קֹרַח, רֶבִּי גַעְתָּם, רֶבִּי עֲמָלֵק...**

זִי הָאט גֶעזֶען אַז מוֹהֲרָא״שׁ אִיז נִישְׁט נָאר ׳נָאךְ אַ רֶבִּי׳; רֶבִּי׳ס זֶענֶען דָא אַסַאךְ, אָבֶּער אַ רֶבִּי וָואס קֶען אַזוֹי שְׁטַארְק טוֹישְׁן אַ מֶענְטְשׁ - דָאס הָאט זִי נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען. מֶען זֶעט אִין תַּרְגּוּם אוּנְקְלוֹס (בְּרֵאשִׁית לו, טז) וואוּ עֶר רֶעכְנְט אוֹיס

---

יִשְׂרָאֵל, מֶען זָאל זֵיי מְקַרֵב זַיין, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר וֶועל אִיךְ דַארְפְן רֶעדְן אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג זָאלְן זִיךְ מְקַרֵב זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן...

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ קֶענֶען בַּיי דִי נֶעמֶען, מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם שֵׁיין אוֹיפְנֶעמֶען אוּן רֶעדְן מִיט אִים.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט דֶערבֵּיי פָארְגֶעהַאלְטְן אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: ״פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם פַאר יֶעדֶעם?! וִוי פַארְנוּמֶען בִּיזְטוּ?! פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט מְחַזֵּק זַיין דוּרְכְדֶעם וָואס דוּ בִּיסְט מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע?״ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קפד) וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ צְוֵוייטְן דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת וֶוערְט אַן אוֹר יָשָׁר אוּן אַן אוֹר חוֹזֵר, דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט אַריין אִין יֶענֶעמְ׳ס אוֹיעֶר דָאךְ וֶוערְט אַן אוֹר חוֹזֵר אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וֶוערְט שְׁטַארְק מְחוּזָּק.

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א: ״וֶוען דִי קְהִלָּה וֶועט זַיין גְרֶעסֶער, וֶועט מֶען אוֹיךְ דַארְפְן קֶענֶען יֶעדֶעם אֵיינֶעם בַּיים נָאמֶען?״ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יָא! אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ קֶענֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן מִיט דִי נֶעמֶען״.

דִי נֶעמֶען פוּן דִי קִינְדֶער פוּן עֵשָׂו: ״רַבָּא קֹרַח, רַבָּא גַעְתָּם, רַבָּא עֲמָלֵק...״, זֶעט מֶען עֶס אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי רֶבִּי׳ס, רֶבִּי קֹרַח, רֶבִּי גַעְתָּם, רֶבִּי עֲמָלֵק...

**וָואס מֵיינְט דָאס אַ ׳מְבַקֵּשׁ׳?**

מֶען קֶען הֶערְן אִינְטֶערְוְויוּס אִיבֶּער דִי טְרַאגֶעדְיֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין אוּמַאן, אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז לֵיידֶער אוּמְגֶעקוּמֶען בַּיי אַ עֶקְסִידֶענְט, אַלֶע דֶערְצֵיילְן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער ׳מְבַקֵּשׁ׳, הָאט מִיר מַיין וַוייבּ גֶעפְרֶעגְט ״וָואס מֵיינְט דָאס אַ ׳מְבַקֵּשׁ׳?״ הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ בִּין אַ ׳מְבַקֵּשׁ׳; אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער זֵיידֶע זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אָבֶּער אִיךְ פְּלֶעג גֵיין צוּ יֶעדֶע רָב, צוּ יֶעדֶע עֶרְלִיכֶער אִיד, ווִידֶער זֶענֶען דָא אִין מַיין מִשְׁפָּחָה אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען אַלְץ צוּפְרִידְן ׳אִיךְ דְרֵיי זִיךְ בַּיי זֵיידִי וָואס דַארְף אִיךְ גֵיין זוּכְן נָאךְ?׳ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי גָאר אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט וואוּ קֶען אִיךְ נָאךְ עֶפֶּעס פַארְדִינֶען אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעשְׁפִּירְט ווִי זֵיי זֶענֶען טַאקֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זֶענֶען טַאקֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אָבֶּער וָואס הָאבּ אִיךְ דֶערְפוּן?

**ווִי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען דֶער גֶעשְׁמַאק אִין מִצְוֹת?**

אִיךְ פְּלֶעג מְשַׁמֵּשׁ זַיין מַיין זֵיידֶע דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, פְּלֶעג אִיךְ זִיךְ אַלְץ מְחַיֶה זַיין דֶערְמִיט ׳בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין מְשַׁמֵּשׁ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד׳, אָבֶּער עֶס הָאט מִיר וֵויי גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי עֶר הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חַיּוּת אִין יֶעדֶע מִצְוָה, עֶר הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חַיּוּת אִין דִי ד׳ מִינִים וְכוּ׳ פְּלֶעג אִיךְ טְרַאכְטְן צוּ מִיר: ׳ווִי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען דֶער גֶעשְׁמַאק אִין מִצְוֹת? וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט דִי ד׳ מִינִים? וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט דִי כַּפָּרָה עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר? וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט דִי לַאנְגֶע דַאוֶונֶען׳ס?׳ אָבֶּער וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט אַ נֵייעֶ וֶועלְט, דֶער רֶבִּי לֵייגְט מִיר אַרַיין אַ חַיּוּת אִין דִי מִצְוֹת, דֶער רֶבִּי לֵייגְט מִיר

אַרַיין אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי ד׳ מִינִים, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה א.א.וו.

## שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ פָּאלְגְן אוּן מְקַיֵּים זַיין דֶעם רֶבִּי׳נְס עֵצוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן עו), אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן קֶען מֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט עֶנְדִיגְן ׳כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָה׳! ; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר הֵייבְּט מֶען אָן ׳שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם׳. אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר פְרִישֶׁע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט קוֹדֶם זָאלְן זֵיי עֶס זָאגְן נָאר דִי פְּסוּקִים חוּמָשׁ אוּן תַּרְגוּם אָן דִי רַשִׁ״י, עֶרְשְׁט נָאכְ׳ן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶטְלִיכֶע יָאר - לֵייגְט מֶען צוּ פֵּירוּשׁ רַשִׁ״י, וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה מִיט רַשִׁ״י, קֶען מֶען שׁוֹין צוּלֵייגְן אוֹיךְ בַּעַל הַטּוּרִים, אִין בַּעַל הַטּוּרִים קוּקְט מֶען דָאךְ סַיי ווִי אַרַיין מִיט אֵיין אוֹיג, זָאג עֶס שׁוֹין אַרוֹיס מִיט דַיין מוֹיל...

## אֵיין מָאל עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָה

נָאכְדֶעם זַיי מְסַדֵּר אִין אֵיין שַׁאפֶע פוּן דַיין סְפָרִים שַׁאנְק אַלֶע סְפָרִים פוּן דִי תּוֹרָה; אַ חוּמָשׁ, סֵפֶר יְהוֹשֻׁעַ, רַמְבַּ״ם, תַּלְמוּד בַּבְלִי, תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, זוֹהַר, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וֶוען דוּ הָאסְט צַייט זָאלְסְטוּ עֶפֶענֶען אֵיינֶע פוּן דִי אַלֶע סְפָרִים אוּן אַבִּיסְל לֶערְנֶען דֶערְפוּן, אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיט דִי צַייט - אֲפִילוּ אִין צֶען יָאר אַרוּם - כָּאטְשׁ אֵיין מָאל עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָה, וָואס דָאס אִיז דָאךְ אַ חִיוּב אוֹיף יֶעדְן אִיד צוּ עֶנְדִיגְן.

## וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין הַאנְט

מֶען קֶען מִיר קוּמֶען זָאגְן אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף מוֹהֲרָא״שׁ, אָבֶּער אִיךְ קוּק וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין הַאנְט, דֶער צַדִּיק גֶעבְּט מִיר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר מַאכְט מִיר זִיס דִי תּוֹרָה.

## דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה

דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים מֶען זָאל מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אַ צַדִּיק, קוּמְט עֶר מִיט אַ פְרִישֶׁע טַעֲנָה ״דָאס אִיז פוּן דִי צַד הַטּוּמְאָה, דֶער זֶעלְבֶּער

יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט אוּנְז נִישְׁט לֶערְנֶען, מַאכְט עֶנְק יָא לֶערְנֶען!" ווִי אַזוֹי מֶעג מֶען בִּכְלַל זָאגְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער?! וואוּ קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה אַז דָאס אִיז פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע?! עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ, אֵיינֶער וָואס מַאכְט מִיר לֶערְנֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַז דָאס אִיז פוּן דִי יֵצֶר הָרָע, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דָאס אִיז דִי סִטְרָא אַחֲרָא, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מֶדְרָשׁ אֵיכָה רַבָּתִי, הַקְדָּמָה פִּסְקָה ב): "הַמָּאוֹר שֶׁבָּהּ הָיָה מַחֲזִירָן לְמוּטָב", דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה בְּרֶענְגְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען רֶעדְט נָאר פוּן אַ תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, אַ תּוֹרָה וָואס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען יוּנְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ אִינְאֵיינֶעם חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ - וֶועט דִי תּוֹרָה אִים לִיכְטִיג מַאכְן זַיין וֶועג, עֶר זָאל וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### מֶעג אִיךְ אָנְנֶעמֶען דִי לָשׁוֹן הָרָע?!

יֶעדֶעס מָאל אֵיינֶער אִיז מִיר גֶעקוּמֶען רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּ אִיךְ גוּט אָדֶער נִישְׁט, אִיךְ זֶע ווִי מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶעגְנְט אַריין אִין מִיר לִימּוּד הַתּוֹרָה, מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מִיר אַ שִׂמְחָה אִין מִצְוֹת, מֶעג אִיךְ אָנְנֶעמֶען דִי לָשׁוֹן הָרָע?!"

### אָבֶּער עֶס רֶעדְט נִישְׁט וֶוערְטֶער וָואס קֶען מִיר מְחַזֵּק זַיין

אִיךְ ווֵייס קְלָאר פוּן פִילֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען נָאר גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן אַ דַאנְק וָואס זֵיי הֶערְן אַ גַאנְץ יָאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי חִיזּוּק יוֹמִי'ס פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען זֵיי רֹאשׁ הַשָּׁנָה נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, ווַייל אֵיינֶער הָאט אִים אַיינְגֶערֶעדְט 'דָארְט אִיז דָא אַ צַדִּיק הָאֱמֶת', אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן 'אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ אַ פְּלַאץ וָואס גֶעבְּט מִיר סְחוֹרָה אִין דִי הַאנְט, אַ פְּלַאץ וָואס גֶעבְּט מִיר לִימּוּד הַתּוֹרָה, אַ פְּלַאץ וָואס אִיז מִיר מְחַזֵּק אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז "צַדִּיק הָאֱמֶת!" יֶענֶער קֶען דִיר עֶפֶּעס גֶעבְּן?! עֶס אִיז מַמָּשׁ וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קטו, ה): "פֶּה לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ..." עֶס אִיז דָא אַ מוֹיל, אָבֶּער עֶס רֶעדְט נִישְׁט

וֶוערְטֶער וָואס קֶען מִיר מְחַזֵּק זַיין, עֶס אִיז דָא אוֹיגְן, אָבֶער עֶס זֶעט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוּן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

## אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעגֶעבְּן אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן הַיינְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי לֶעצְטֶע פַּרְשָׁה פוּן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה. דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים לד, י): "וְלֹא קָם נָבִיא עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כְּמֹשֶׁה אֲשֶׁר יְדָעוֹ ה' פָּנִים אֶל פָּנִים", עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען נָאךְ אַ נָבִיא צְוִוישְׁן דִי אִידְן אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ צוּ אִים בַּאקֶענְט פָּנִים אֶל פָּנִים, זָאגְט רַשִׁ"י: "שֶׁהָיָה לִבּוֹ גַּס בּוֹ", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ זַיין חָבֵר, "וּמְדַבֵּר אֵלָיו בְּכָל עֵת שֶׁרוֹצֶה", אוּן הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט, "כְּעִנְיָן שֶׁנֶּאֱמַר", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּיי דִי חֵטְא הָעֵגֶל (שְׁמוֹת לב, ל): "וְעַתָּה אֶעֱלֶה אֶל ה'", יֶעצְט וֶועל אִיךְ אַרוֹיפְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן עֶר זָאל עֶנְק מוֹחֵל זַיין, אוּן נָאךְ שְׁטֵייט וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז זֵיי ווִילְן מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, הָאט זֵיי מֹשֶׁה גֶעזָאגְט (בַּמִּדְבָּר ט, ח): "עִמְדוּ וְאֶשְׁמְעָה מַה יְצַוֶּה ה' לָכֶם", שְׁטֵייט אוּן וַוארְט, אוּן אִיךְ וֶועל הֶערְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט בַּאפֶעלְן פַאר עֶנְק. נָאךְ זָאגְט רַשִׁ"י (שָׁם): "אַשְׁרֵי יְלוּד אִשָּׁה שֶׁכָּךְ מֻבְטָח, שֶׁכָּל זְמַן שֶׁהָיָה רוֹצֶה הָיָה

מְדַבֵּר עִם הַשְּׁכִינָה", וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָאס אַרָאפּ צוּ אוּנְז

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, מִיר דַארְפְן אַסַאךְ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דֶער רֶבִּי נֶעמְט אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן בְּרֶענְגְט דָאס אַרָאפּ צוּ אוּנְז פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן, אוּן מַאכְט אַז מִיר זָאלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען טוּן, מִיר זָאלְן אוֹיךְ וֶוערְן נָאנְט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּ אִים וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטְן פְרֵיינְד.

### דֶער גְרֶעסְטֶער זַאךְ

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז גֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוּן אַלֶעס פַארְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: **"רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען נָאר טוּן, אוּן אַלֶע צַדִּיקִים פְלֶעגְן אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".**

### בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת

אוֹיף דֶעם נְקוּדָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאשְׁטֵייט דִי גַאנְצֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת, גָארְנִישְׁט מֶער אוּן גָארְנִישְׁט וֵוייניגֶער, דֶער רֶבִּי וִויל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז מִיר זָאלְן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטְן פְרֵיינְד. נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, צִי עֶר זִיצְט אִין אַ קַאר אָדֶער אִין אַ טְרָאק, צִי עֶר אִיז אִין אָפִּיס אָדֶער אִינְדֶערְהֵיים, וואוּ אִימֶער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זָאל עֶר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ.

### דָא בּוֹיעֶט מֶען אַרוֹיף אַ שְׁטָאק...

פְרִיעֶר בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אַרוּם אַ חֵלֶק פוּן שְׁטֶעטְל, אִיךְ מוּז זָאגְן, עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק דָא צוּ זַיין, עֶס הָאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה דָא צוּ זַיין. רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "צוּ זַיין אַלֵיין אִין וַואלְד אָדֶער קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אָדֶער קֶען מֶען וֶוערְן

אַ גְרוֹיסֶער הוֹלטֵאיי״. דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן אָדֶער זֶען, אִין שְׁטָאט אִיז כְּסֵדֶר דָא זַאכְן וָואס צוּ זֶען, דָא בּוֹיעט מֶען אַרוֹיף אַ שְׁטָאק, דָא זֶעט מֶען עֶרָאפְּלַאנֶען, דָא אִיז דָא אַ גַארְבִּידְזְשׁ (מִיסְט) טְרַאק, דָא פָּארְט מֶען, אָבֶער אִין שְׁטֶעטְל זֶעט מֶען נָאר גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען טוּן, אִיז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוְועֶנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קֶענְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל זֹהַר הַקָדוֹשׁ, דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

## עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ לֶערְנֶען זוֹהַר

עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ לֶערְנֶען זוֹהַר, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אֵיין בְּלַאט אִין זוֹהַר וָואס זָאל נִישְׁט שְׁטֵיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טוּן מִצְוֹת, וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט, עֶס לֶערְנְט זִיךְ אַזוֹי וִוי אֲשֶׁר בַּנַחַל וָואס אִיז פוּל מִיט חִיזוּק אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם, נָאר זוֹהַר אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַרַאמִישׁ[5].

## מֶען לֵייגְט אַרַיין שֵׁיינֶע לֶעקְטֶערְס...

מִיר זִיצְן יֶעצְט אִין דִי סוּכָּה, דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקְן וָואס מִיר נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דִי סוּכָּה. מֶען זִיצְט אִין דִי סוּכָּה זִיבְּן טֶעג, מֶען גְרֵייט עֶס אָן שֵׁיין, מֶען לֵייגְט אַרַיין שֵׁיינֶע לֶעקְטֶערְס, מֶען מַאכְט עֶס בַּאקְוֶועם, אָבֶער יֶעדֶער וֵוייסְט אַז אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם גֵייט מֶען אַרוֹיס דֶערְפוּן, אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג קֶערְט מֶען זִיךְ צוּרִיק צוּ דִי גֶעהֶעְרִיגֶע הוֹיז, אַזוֹי דַארְף מֶען נֶעמֶען אִין בַּאטְרַאכְט, אַז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וואוֹינֶען מִיר אִין דִי סוּכָּה, נָאר נִישְׁט פַאר 'זִיבְּן טֶעג' נָאר

5 אָבֶער עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט דִי חִיזוּק, נָאר דָאס פַארְקֶערְטֶע, פוּן גַאנְץ זוֹהַר טְרֶעפְט מֶען נָאר דֶעם שְׁטִיקְל (פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, דַף קפד:): "בַּר נָשׁ עַד לָא יְקַדֵּשׁ יְדוֹי בְּצַפְרָא, אִקְרֵי טָמֵא. כֵּיוָן דְּאִתְקַדֵּשׁ אִקְרֵי טָהוֹר", ווילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ קַיין נֶעגְל וַואסֶער וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן 'טָמֵא', אָדֶער (וַיֵּשֶׁב קפח ע"א; וַיְחִי ריט.): "מַאן דְּאוֹשִׁיד זַרְעָא בְּרֵיקַנְיָא חַס וְשָׁלוֹם, אֵין מוֹעִיל תְּשׁוּבָה", וֶוער עֶס אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט גְמָרָא, פוּן גַאנְץ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת זֶעט מֶען נָאר דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת לב.): "וְאָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי תְפִלָּה", פוּן וֶוען דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן זֶענֶען פַארְמַאכְט דִי טוֹיעֶרְן פוּן תְּפִלָּה [קוּק אַרַיין אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ה', מִכְתָּב שסח]. עֶס אִיז פִּלְאֵי פְּלָאִים וִוי זֵיי קֶענֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין חִיזוּק. דִי גְמָרָא לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן חַנָה וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל הָאבְּן קִינְדֶער אוּן זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן (בְּרָכוֹת לא:) - דָאס טְרֶעפְט מֶען נִישְׁט?! וֶוער עֶס לֶערְנְט זוֹהַר וֶועט אִיבֶּערָאל טְרֶעפְן דָאס חֲשִׁיבוּת אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט.

׳זִיבֶּעצִיג יָאר׳, אִין דִי יָארְן מַאכְט מֶען זִיךְ טַאקֶע בַּאקֶוועם, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיךְ אָנְגְרֵייטְן מֶען זָאל הָאבְּן מִיט וָואס אַהֵיים צוּ גֵיין צוּרִיק אוֹיבְן אִין הִימְל, מֶען דַארְף אַרַיינְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, וָואס דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט מִיט אוֹיבְן אִין הִימְל.

## דֶערְפַאר אִיז מֶען מְזַלְזֵל אִין מִיר

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן צג): וָואס וִויל מֶען פוּן מִיר, פַארְוָואס קְרִיגְט מֶען אוֹיף מִיר? וַוייל אִיךְ וִויל נָאר אֵיין זַאךְ - אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): **״כְּרוּם זֻלֻּת לִבְנֵי אָדָם - אֵלּוּ דְּבָרִים הָעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, וּבְנֵי־אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם״**, אוּן רַשִׁ״י זָאגְט דָארְט: **״וּמַאי נִיהוּ, תְּפִלָּה״**, אַז תְּפִלָּה אִיז פוּן דִי זַאכְן וָואס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִין דֶעם זֵייעֶר מְזַלְזֵל, דֶערְפַאר אִיז מֶען מְזַלְזֵל אִין מִיר, וַוייל אִיךְ וִויל נָאר אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## פַּרְעֹה הָאט אוֹיפְגֶעמִישְׁט זַיין בִּיכְל...

מֶען קֶען קוּקְן אִין דִי סְפָרִים פוּן סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים אִינֶעם מַפְתֵּחַ צִי מֶען בְּרֶענְגְט נָאךְ דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועט מֶען זֶען אַז וֵויינִיג סְפָרִים בְּרֶענְגֶען נָאךְ דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶס אִיז מַמָּשׁ וָואס דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (שְׁמוֹת רַבָּה ה, יד) אוֹיף פַּרְעֹה, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שְׁמוֹת ז, כו): **״כֹּה אָמַר ה׳ שַׁלַּח אֶת עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי״**, הָאט פַּרְעֹה זִיךְ אָנְגֶערוּפְן (שְׁמוֹת ה, ב): **״מִי ה׳ אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקֹלוֹ לְשַׁלַּח אֶת יִשְׂרָאֵל לֹא יָדַעְתִּי אֶת ה׳״**, אוּן פַּרְעֹה הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ וֶועל זוּכְן אִין מַיינֶע סְפָרִים זֶען צִי אִיךְ וֶועל גֶעפוּנֶען צְוִוישְׁן אַלֶע גָאטְ׳ן דַיין בַּאשֶׁעפֶער, פַּרְעֹה הָאט אוֹיפְגֶעמִישְׁט זַיין בִּיכְל, אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ מֹשֶׁה

רַבֵּינוּ: "אִיךְ טְרֶעף נִישְׁט אַז דָא זָאל שְׁטֵיין דֶעם נָאמֶען פוּן דַיין בַּאשֶׁעפֶער, בַּיי אוֹת א - אֵייבֶּערְשְׁטֶער"...

### עֶפֶּעס צוּגֶעצֵייכְנְט בַּיים רֶבִּינְ'ס נָאמֶען...

אֵיינְמָאל הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר, אַז מֶען הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַ נַייעֶ סֵפֶר פוּן סִפּוּרֵי צַדִּיקִים, הָאט עֶר אוֹיפְגֶעמִישְׁט דֶעם מַפְתֵּחַ בַּיי אוֹת 'נוּ"ן' צוּ זֶען אוֹיב יֶענֶער בְּרֶענְגְט עֶפֶּעס נָאךְ פוּן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי עֶס אִיז עֶפֶּעס צוּגֶעצֵייכְנְט בַּיים רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, הָאט עֶר עֶס אוֹיפְגֶעמִישְׁט, זֶעט עֶר ווִי יֶענֶער בְּרֶענְגְט בַּיים רֶבִּי'נְס נָאמֶען אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים...

### דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים

עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע תְּהִלִּים מִיט גְרוֹיסֶע אוֹתִיּוֹת[6], בְּרֶענְגֶען זֵיי אַ לִקּוּט פוּן סְפָרִים אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים, וָואס בְּרֶענְגֶען זֵיי? אַז אוֹיסְזָאגְן דְרֵיי מָאל תְּהִלִּים אִין אֵיין צוּ אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ... ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז אוֹיסְצוּזָאגְן תְּהִלִּים אִין אֵיין צִי אָן אוֹיסְרֶעדְן... אַ שָׁאד מֶען בְּרֶענְגְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן[7], וָוער נָאךְ רֶעדְט אַזוֹי גְרוֹיס פוּן זָאגְן תְּהִלִּים ווִי דֶער רֶבִּי?! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפה): **"אַ גוּט קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי ווִי פָּאנְטְשׁ"**; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט אוּן אָפְּגֶעמַאטֶערְט נֶעמְט עֶר אַ טְרִינְק וָואס פְרִישְׁט אִים אוֹיף, אַזוֹי אִיז אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, עֶס פְרִישְׁט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי: (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): **"מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים"**, וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, עַיֵּין שָׁם. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח): **תְּהִלִּים אִיז אַ 'מִשְׁעֶנֶת', אַן אוּנְטֶערְלַיינֶער; אַזוֹי ווִי אַ שְׁטֶעקְן פַאר עֶלְטֶערֶע**

---

6 דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט: עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר דִי אוֹיגְן צוּ לֶערְנֶען אִין סְפָרִים מִיט גְרֶעסֶערֶע אוֹתִיּוֹת.

7 דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט: אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט גֶערוּפְן דֶעם מְחַבֵּר פוּן דֶעם נַייעֶם תְּהִלִּים אוּן גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים? הָאט יֶענֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט דֶעם לִקּוּט, נָאר עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דִי אַרְבֶּעט פַאר אַ כּוֹלֵל אִינְגֶערְמַאן...

מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען גֵיין, אַז מֶען זָאגְט תְּהִלִּים פַאלְט מֶען נִישְׁט, מֶען קֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן אִין אַלֶע מַצָּבִים.

### תַּלְמִידִים און תַּלְמִידֵי תַּלְמִידִים

אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ סֵפֶר פוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מְסַפֵּר, אַלְס אַ גֶעשַׁאנְק און הַכָּרַת הַטּוֹב וָואס אַ דַאנְק דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה הָאט עֶר מְסַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם בַּעַל מְסַפֵּר׳ס סְפָרִים. קוּק אִיךְ אַרַיין דֶערִין, זֶע אִיךְ וִוי עֶר דֶערְצֵיילְט דָארְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן יֶעדֶע צַדִּיק, און אֲפִילוּ פוּן תַּלְמִידִים און תַּלְמִידֵי תַּלְמִידִים וָואס מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְזָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי שְׁטֶעט וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעווָאוֹינְט, אָבֶּער דֶעם רֶבִּי׳נְס נָאמֶען וֶוערְט אֲפִילוּ אֵיינְמָאל נִישְׁט דָארְט דֶערְמַאנְט[8].

### צְוֵויי הוּנְדֶערְט פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת!

אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה: קוּק וָואס דֶער רֶבִּי אִיז מְזַכֶּה זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, דָארְט זִיצְט אַ רֶבִּי און דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי קְרוֹין, צוּקֶער און קְנָאבְּל[9]... און בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז דָא אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט הַיינְט גֶעשְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ צֶעבְּרָאכְן הָאט עֶר הַיינְט אַלֵיינְס גוֹרֵס גֶעוֶוען צְוֵויי הוּנְדֶערְט פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת!

### אֵיין צִיל

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ שְׁמוּעֶס וָואס דֶער רֶבִּי זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, און אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיךְ גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ, וֶוען אִיךְ רֶעד מִיט אַ מֶענְטְשׁ הָאבּ אִיךְ דֶערְבֵּיי אֵיין צִיל אַז יֶענֶער זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ רֶעד צוּ אִים פוּן אַלֶע סָארְט עִנְיָנִים לוֹיט וָואס יֶענֶער

8 פַארְ׳ן שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזָאגְט בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים: הֵיאַךְ יָכוֹל הַחַי לְהַכְחִישׁ אֶת הַחַי (לְשׁוֹן הַגְּמָרָא מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת כז:)? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיפְ׳ן סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן רֶבִּי׳ן? קוּק וִוי עֶר בְּרֶענְגְט אִין זַיין הֵיילִיג סֵפֶר 'וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה' (מַאֲמָר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ) צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן שִׂיחוֹת הָרַ״ן, און עֶר פִירְט אוֹיס אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן: "וְזֶה עִנְיָן שֶׁל רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ שֶׁרָאָה מָה הִגִּיעַ אֵלֵינוּ בְּעִיקְבָא דִּמְשִׁיחָא", דָאס אִיז אַ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פוּן רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעזֶען וָואס וֶועט זַיין אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר!

9 דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט צוּגֶעלֵייגְט: מוֹהֲרָא״שׁ הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט אַוֶועקְצוּמַאכְן דִי מַעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם, פַארְקֶערְט דָאס אִיז אַ מְקוּבָּל׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט דָאס אוֹיךְ צוּמָאל דֶערְצֵיילְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת, נָאר מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעווִיזְן וִוי הוֹיךְ דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים.

ווִיל רֶעדְן, זָאל עֶס זַיין נֵייעֶס וְכַדוֹמֶה, אָבֶער אַלֶעס אִיז כְּדַאי אַבִּי אִיךְ זָאל קֶענֶען צוּם סוֹף פּוֹעֵל׳ן בַּיי יֶענֶעם אַרַיינְצוּלֵייגְן דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה.

## דֶעם נָאגְל

דָאס אִיז אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל אוֹיפְהֶענְגְן אוֹיפְ׳ן וַואנְט אַ שֵׁיינֶע זֵייגֶער, דַארְף עֶר צוּם עֶרְשְׁט אַרַיינְהַאקְן אַ נָאגְל אִין וַואנְט, אָבֶער כְּדֵי צוּ קֶענֶען אַרַיינְהַאקְן דֶעם נָאגְל דַארְף עֶר פַארְדֶעם אַרַיינְלֵייגְן אוֹיף דֶעם פְּלַאץ אִינֶעם וַואנְט אַ ׳בָּאטֶערְפְלַיי׳ וָואס כַאפְּט אָן דֶעם נָאגְל עֶס זָאל זִיךְ הַאלְטְן פֶעסְט אִין דִי וַואנְט, וֶוען אֵיינֶער קוּקְט זִיךְ צוּ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט קֶען עֶר זִיךְ ווּאוּנְדֶערְן "וָואס טוּסְטוּ דָא, פַארְוָואס לֵייגְסְטוּ נִישְׁט גְלַייךְ אַרַיין דֶעם נָאגְל?" אָבֶער אֵיינֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט דֶערְצוּ וֵוייסְט אַז דָאס אִיז אַן ׳הֲכָנָה׳, דָאס מַאכְט אַז שְׁפֶּעטֶער זָאל מֶען קֶענֶען אַרַיינְהַאקְן דֶעם נָאגְל. אַזוֹי אִיז עֶס וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן, מֶען קֶען נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נִישְׁט גְלַייךְ אַרַיינְגֵיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דֶערְפַאר הֵייבְּט מֶען אָן שְׁמוּעֶסְן פוּן פַארְשִׁידֶענֶע עִנְיָנִים, פוּן סַיי וָואס יֶענֶער בַּאגֶערְט, אָבֶער דָאס אַלֶעס אִיז אַלְס ׳הֲכָנָה׳ אַז שְׁפֶּעטֶער זָאל אִיךְ קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין יֶענֶעם דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

## עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט

אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב) אַז עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אוּן אוֹיב עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר וֶועט קֶענֶען פּוֹעֵל׳ן בַּיי יֶענֶעם אַרַיינְצוּלֵייגְן דִי אֱמֶת׳עֶ תַּכְלִית, אַז יֶענֶער זָאל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן פְלֶעגְט עֶר שְׁמוּעֶסְן מִיט יֶענֶעם פוּן תַּכְלִית, "אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר גָאט בָּרוּךְ הוּא דִינֶען", אָבֶער אוֹיב הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶר וֶועט דָאס נִישְׁט קֶענֶען פּוֹעֵל׳ן בַּיי

יֶענֶעם, פְלֶעגְט עֶר פַארְדְרֵייעֶן דֶעם שְׁמוּעֶס בִּיז יֶענֶער הָאט בִּכְלָל נִישְׁט גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט.

**וֶוער הָאט בַּאקוּמֶען מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס יְרוּשָׁה?**

הֵיי יָאר אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים פוּן אוּמַאן אוֹיפְ׳ן פְלִיגֶער אִיז אַן עוֹשֶׁר צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר פְרֶעגְן "וֶוער הָאט בַּאקוּמֶען מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס יְרוּשָׁה?" בִּין אִיךְ מִיט גֶעגַאנְגֶען מִיט יֶענֶעמְס שְׁמוּעֶס וְוִי אַזוֹי יֶענֶער הָאט עֶס גֶעוָואלְט דְרֵייעֶן, וְוִי אַסַאךְ גֶעלְט מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעהַאט... וֶוער הָאט בַּאקוּמֶען אַלֶע בִּנְיָנִים וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט... אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטוּן מִיטְ׳ן צִיל אַז אֶפְשָׁר נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ קֶענֶען אַרַיינְלֶייגְן בַּיי יֶענֶעם עֶר זָאל אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**הֵייס וַואסֶער פֵּייפ**

דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַזַא גֶעזוּנְטֶע עֵצָה פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט תַּאֲווֹת רָעוֹת, מִיט מִדּוֹת רָעוֹת, מִיט צָרוֹת, מִיט עֲבֵירוֹת, מִיט פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק, אָבֶּער דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אַז עֶר דֶערְצֵיילְט עֶס פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט דָאס אַרוֹיס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר בַּאקוּמְט כֹּחַ עֶס דוּרְכְצוּטְרָאגְן, אַזוֹי וְוִי יֶעדֶע הֵייס וַואסֶער פֵּייפ הָאט אַ פְּלַאץ וואוּ דִי לוּפְט קֶען אַרוֹיסְגֵיין כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אוֹיפְשִׁיסְן פוּן גְרוֹיס הִיץ, דָאס אִיז דֶער מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דָארְט קֶען עֶר אַרוֹיסְגֶעבְּן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, אוּן דָאס גֶעבְּט אִים נַייעֶ כֹּחוֹת עֶר זָאל קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן.

**לֵייג צוּ אֵיין נָאמֶען**

נֶעם אַפָּאר מִינוּט אִין דַיין טָאג אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְמַאךְ דַיין טֶעלֶעפָאן אוֹיף אַפָּאר מִינוּט אוּן גֵיין אִין אַ זַייט אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז דוּ פַארְפַּאסְט עֶפֶּעס נַייעֶס אוֹיף דַיין טֶעלֶעפָאן, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט אִין דִי פָּאר מִינוּט, מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעשָׁאסְן, מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעה׳הַרְגְ׳עֶט אִין דִי פָּאר מִינוּט. אִיךְ מֵיין אַז דוּ זָאלְסְט צוּלֵייגְן צוּ דִי לִיסְטֶע פוּן דִי נוּמֶערְן פוּן דַיין טֶעלֶעפָאן, אֵיין נָאמֶען: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער",

וֶועסְטוּ זֶען אַז דָארְט קוּמְט נִישְׁט קַיין נֵייעֶס, אַלֶעס אִיז מְסוּדָר, קֶענְסְט רוּאִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן...

**בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שֵׁיינֶע קַאר**

אוֹיף דִי פְרַאגֶע 'וָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' דָאס קֶען מֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן בִּכְלָלִיוּת, יֶעדֶער אֵיינֶער רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין זַאךְ, אַז דוּ דַארְפְסְט אַ שֵׁיינֶע קַאר - דַאן בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שֵׁיינֶע קַאר, אַז דוּ ווילְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - דַאן בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַז דוּ דַארְפְסְט אַסַאךְ גֶעלְט - דַאן בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ גֶעלְט[10].

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

**דְרָשׁוֹת הוֹשַׁעְנָא רַבָּה**

**דְּרָשַׁת הִתְעוֹרְרוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, בְּיוֹם הוֹשַׁעְנָא רַבָּה שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**נָאךְ הַלֵּל הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן:**

**טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער!** מִיר שְׁטֵייעֶן הַיינְט אִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע טָאג, זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע טָאג, "הוֹשַׁעְנָא רַבָּה". הַיינְט טֵיילְט מֶען אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל דִי צֶעטְלֶעךְ וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁרִיבְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן גֶע'חַתְמְ'עֶט יוֹם כִּפּוּר, דָארְט שְׁטֵייט אַלֶעס וָואס גֵייט זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, סַיי 'בִּכְלָלִיוּת' וָואס

10 גֶעוֶוענְלִיךְ צִיט נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין שַׁלָשׁ סְעוּדוֹת שִׁיעוּר נָאכְ'ן זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אָבֶּער הַיינְט אִיז שְׁפֶּעט גֶעוָוארְן, הָאט זִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אוּן אַז דוּ ווִילְסְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁיעוּר - דַאן בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁיעוּר..." אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְמִיט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר.

גֵייט זַיין אִין דִי וֶועלְט מִיט יֶעדֶע לַאנְד אוּן יֶעדֶע שְׁטָאט, אוּן סַיי 'בִּפְרָטִיּוּת' וָואס גֵייט זַיין מִיט יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה אוּן יֶעדֶע מֶענְטְשׁ.

## דִי לֶעצְטֶע מִינוּטְן

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, יֶעדֶע מֶענְטְשׁ הָאט הַיינְט, אַ שַׁאנְס צוּ קוּמֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וַוייס נִישְׁט וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ וַוייס נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶע'חַתְמְ'עט אוֹיף מִיר, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט דִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ אַ נִישְׁט גוּטֶע צֶעטְל, צֶערַייס יֶענֶע צֶעטְל אוּן שְׁרַייבּ מִיר אָפּ אַ נַייֶע גוּטֶע צֶעטְל".

## אֵיין אֱמֶתְ'עֶ תְּפִלָּה

טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער! מִיר גֵייעֶן יֶעצְט שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "הוֹשַׁעְנָא! - הֶעלְף אוּנְז אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קיב): "וְהַמַּשְׂכִּיל הַמֵּבִין יֵשׁ לוֹ לְהִתְפַּלֵּל כָּל יָמָיו שֶׁיִּזְכֶּה פַּעַם אֶחָד כָּל יְמֵי חַיָּיו לְדַבֵּר דִּבּוּר אֶחָד שֶׁל אֱמֶת לִפְנֵי הַ' כָּרָאוּי", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַ גַאנְץ לֶעבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין כָאטְשׁ אֵיין אֱמֶתְ'עֶ תְּפִלָּה אִין זַיין לֶעבְּן; פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט אַ סִימָן מֶען זָאל וִויסְן וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִי אֱמֶתְ'עֶ תְּפִלָּה, וַוייל קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען דִי אֱמֶתְ'עֶ תְּפִלָּה קוּמְט אַרוֹיס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: 'וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַרוֹיסְזָאגְן אַ אִידִישׁ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַייעֶנְדִיג דֶערְבֵּיי, מַיין הַארְץ וֶועט זַיין אָפְן אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ שְׁפִּירְן דֶערְהוֹיבְּן?! יֶעצְט בִּין אִיךְ אַזוֹי פַארְמַאכְט אוּן אַזוֹי פַארְקְלַאפְּט, אִיךְ בִּין אַזוֹי טְרוּקְן, אִיךְ זֶע וִוי יֶעדֶער דַאוֶוענְט, יֶעדֶער שָׁאקֶלְט זִיךְ, אוּן אִיךְ וַוייס נִישְׁט וָואס אִיךְ טוּ דָא...' אוּן דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן זָאגְט אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרוּקֶענֶערְהֵייט, עֶר זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וַוייס נִישְׁט וָואס אִיז מִיט מִיר, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ אִיד, אִיךְ בִּין אוֹיךְ דַיין קִינְד, אִיךְ בִּין אָבֶּער אַזוֹי פַארְהַארְטֶעוֶועט, אִיךְ שְׁפִּיר גָארְנִישְׁט וְכוּ'", זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, קֶען זַיין יֶעצְט, דַוְקָא וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט, עֶר דַאוֶוענְט אוּן

בְּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרוּקֶענֶערְהֵייט, דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס פוּן אִים אַ דִיבּוּר אֱמֶת.

טַאקֶע יֶעצְט וֶוען דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, דוּ טְרַאכְסְט: 'מַיין הַארְץ אִיז אַזוֹי אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, מַיין הַארְץ אִיז אַזוֹי פַארְמַאכְט, מַיין הַארְץ אִיז אַזוֹי פַארְשְׁטָאפְּט, וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ קְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר...' יֶעצְט אִיז דֶער דִיבּוּר אֱמֶת! זָאג אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גֶעפִילְן, זָאג: "הוֹשַׁעְנָא, הֶעלְף מִיר טַאטֶע".

### אִיבֶּער דְרֵיי הוּנְדֶערְט מָאל

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַרוּם צוּ גֵיין זִיבְּן מָאל דִי בִּימָה, אוּן מֶען זָאגְט דִי הוֹשַׁעְנוֹת לוֹיט דִי סֵדֶר פוּן דִי צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג אוֹתִיּוֹת, אוּן בַּיי יֶעדֶע אוֹת זָאגְט מֶען צְוֵויי מָאל: "הוֹשַׁעְנָא ... הוֹשַׁעְנָא", קוּמְט עֶס אוֹיס אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן אִיבֶּער דְרֵיי הוּנְדֶערְט מָאל וָואס מֶען בֶּעט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הוֹשַׁעְנָא, הֶעלְף מִיר טַאטֶע!" אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ בֶּעטְן "הֶעלְף מִיר", "הֶעלְף מִיר", אִיךְ בִּין סֵיי וִוי פַארְמַאכְט, אִיךְ מַיין עֶס נִישְׁט אֱמֶת'דִיג, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין הַארְץ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טְרֶערְן...' זָאלְסְטוּ וִויסְן, יֶעצְט וֶוען דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אַזוֹי וַוייט, דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דַיין דִיבּוּר אֱמֶת!

זָאג אַרוֹיס אֵיין וָוארְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע קְוִויטְל", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר, דוּ בִּיסְט דָאךְ מַיין טַאטֶע, אַ טַאטֶע הָאט דָאךְ לִיבּ זַיין קִינְד, אַ טַאטֶע וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק זַיין קִינְד".

### הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶעלְד

טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער! לָאמִיר יֶעצְט אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט בִּשְׁעַת מֶען גֵייט אַרוּם דִי הֵיילִיגֶע סֵפֶר תּוֹרָה, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּנְטֶערְן טַלִּית אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ גוּט יָאר. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, וֶוען מֶען אִיז אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט מִיטְ'ן טַלִּית אוּן מֶען הַאלְט דִי לוּלָב בַּיי דִי שְׁפַּאלְט פוּנֶעם טַלִּית, אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט 'הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶעלְד',

וַוייל מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט נָאר דִי לוּלָב מִיטְ'ן אֶתְרוֹג, וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי וִוי דִי צְוַוייגְן אוּן פְּרוּכְט, קוּמְט אוֹיס אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט אִין פֶּעלְד אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע הַקָּפָה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גְעוֶוען:

טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער! עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים אַז הוֹשַׁעְנָא רַבָּה נֶעמְט מֶען אַרָאפּ דִי רִינְגְלֶעךְ פוּנֶעם לוּלָב, עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ טַעֲמִים אוֹיף דֶעם, אֵיינֶע פוּן דִי טַעֲמִים אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער ב"ח בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תרסד), אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פַארְוָואס מֶען שָׁאקְלְט דִי ד' מִינִים אִיז "**לַעֲצֹר הַטְּלָלִים הָרָעִים וְהָרוּחוֹת הָרָעוֹת**", אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע טוֹי אוּן וִוינְטְן, אוּן וִויבַּאלְד יֶעצְט אִיז דִי 'גְּמַר הַחֲתִימָה', הַיינְט אִיז דִי לֶעצְטֶע טָאג, עֶפְּנְט מֶען אוֹיף דִי רִינְגְלֶעךְ כְּדֵי דִי ד' מִינִים זָאלְן זִיךְ בֶּעסֶער שָׁאקְלֶען, מֶען זָאל בֶּעסֶער קֶענֶען מִתְפַּלֵּל זַיין עֶס זָאל קוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר אָן קַיין שְׁלֶעכְטְס.

### מִיר זֶענֶען אוֹיךְ גֶעבִּינְדְן

עַל כָּל פָּנִים, זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג אִיז אַ טָאג וָואס מֶען קֶען אוֹיפְבִּינְדְן דֶעם לוּלָב, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; מִיר זֶענֶען אוֹיךְ גֶעבִּינְדְן, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אוּנְז צוּגֶעבִּינְדְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, מִיט שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען בִּינְדְט זִיךְ אוֹיף, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בֶּעט אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת'; דָאס אִיז אַזַא מַתָּנָה, וואוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר זַיין, אוּן וָואס אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר זַיין, וָואס עֶס זָאל אַלְץ אִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים, הָאט עֶר דֶעם מוֹיל מִיט וָואס עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עח) אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט, עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַזֶעלְכֶע עֲבֵירוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס קֵיינֶער וִויל שׁוֹין נִישְׁט שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים, בְּלַייבְּט אָבֶּער אֵיין זַאךְ וָואס גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן אִים, דֶער דִיבּוּר - דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי וֶוען אַ

קִינְד פַארְשְׁמִירְט זִיךְ, אוּן קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט שְׁטֵיין נֶעבְּן דֶעם קִינְד, קוּמְט אָבֶּער דִי מַאמֶע מִיט רַחְמָנוּת אוּן וַואשְׁט אָפּ דֶעם קִינְד, זִי בָּאדְט אָפּ דֶעם קִינְד, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער דִיבּוּר - דָאס אִיז דִי מַאמֶע.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט פַארְשְׁמִירְט זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר הָאט פַארְשְׁמִירְט זַיין מוֹיל, עֶר הָאט פַארְשְׁמִירְט זַיין מֹחַ, מִכַּף רֶגֶל וְעַד רֹאשׁ אֵין בּוֹ מְתֹם, פוּן קָאפּ בִּיז'ן פִיס אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעהַאקְט, אֵיין זַאךְ הָאסְטוּ נָאךְ, דַיין מוֹיל, דַיין מוֹיל וֶועט דִיךְ אוֹיפְבִּינְדְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ דִיר".

טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער! הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, מִיט אֵיין ווָארְט, מִיט אֵיין דִיבּוּר וָואס מֶען זָאגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. זָאג פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בִּינְד מִיךְ אוֹיף; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיפְגֶעבִּינְדְן דֶעם לוּלָב, יֶעצְט בִּינְד מִיךְ אוֹיף פוּן מַיין אֵייגֶענֶעם גָלוּת, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט מִיר אַזוֹי צַאמְגֶעבִּינְדְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ מַיין שְׁלֶעכְטְס", יֶעדֶער אֵיינֶער ווֵייסְט בַּיי זִיךְ וָואס עֶר דַארְף מְתַקֵן זַיין, וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן, זָאל עֶר דָאס יֶעצְט בֶּעטְן פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

## הוֹשַׁע נָא פִּנַּת יִקְרַת הוֹשַׁעְנָא

מֶען גֵייט יֶעצְט זָאגְן: "הוֹשַׁע נָא פִּנַּת יִקְרַת הוֹשַׁעְנָא". מוֹהֲרַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַלְץ גֶעזָאגְט 'פִּנַּת יִקְרַת' - גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ צַאם אַ חֲבוּרָה תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל בְּלַייבְּן אַ שֵׁיינֶע ווִינְקֶל, עֶס זָאל בְּלַייבְּן טַייעֶר אוּן רֵיין.

אוּן מֶען בֶּעט אוֹיךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶעם טַייעֶרְן ווִינְקֶל, ווַייל דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זֵייעֶר פַיינְט דֶעם רֶבִּי'ן, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען חֲלִישַׁת הַדַעַת זֶה בְּכֹה וְזֶה בְּכֹה, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ קַשְׁיָא, עֶס הֵייבְּט אָן בַּאדֶערְן זַאכְן, עֶס הֵייבְּט אָן שְׁטֶערְן זַאכְן, וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם אוּן וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן יֶענְץ, אַלֶעס טוּט עֶר צוּלִיבּ אֵיין צִיל וָואס עֶר הָאט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר ווִיל אֵיין זַאךְ, מַאךְ צוּ דַיין חוּמָשׁ, עֶפְן מֶער נִישְׁט קַיין מִשְׁנָיוֹת, דוּ זָאלְסְט מֶער נִישְׁט

הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דוּ זָאלְסְט מֶער נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּ אַ צַדִּיק, מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוערְט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אַזַא שְׁטִיק זִיסְקֵייט, יֶעדֶע רֶגַע אִיז אַ מְחַיֶה, דֶער יֵצֶר הָרָע קֶען דָאס אָבֶּער נִישְׁט דֶערְלַיידְן, מַאכְט עֶר דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען חֲלִישַׁת הַדַעַת פוּן דֶעם אִינְגֶערְמַאן אוּן פוּן דֶעם בָּחוּר, עֶס הֵייבְּט אָן שְׁטֶערְן אַלֶע סָארְט זַאכְן: 'דֶער אִינְגֶערְמַאן דְרֵיידְט זִיךְ אוֹיךְ דָא?' 'דֶער בָּחוּר דְרֵיידְט זִיךְ אוֹיךְ דָא?' 'דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב?' 'פַארְוָואס דַארְף מֶען רֶעדְן אַזוֹי?' 'פַארְוָואס דַארְף מֶען טוּן אַזוֹי?' אַלֶעס מִיטְ'ן צִיל: גֵיי שׁוֹין אַוֶועק פוּן רֶבִּי'ן! זַיין גַאנְצֶע שִׂמְחָה אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן רֶבִּי'ן, עֶר מַאכְט צוּ דֶעם חוּמָשׁ, דִי מִשְׁנַיוֹת, אוּן הֶערְט אוֹיף צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְדֶערְהֵיים, דֶערְפַאר בֶּעט מֶען דָאס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הוֹשַׁע נָא פִּנַּת יִקְרַת הוֹשַׁעְנָא; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן זַיין דָּבוּק צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶעם טַייעֶרְן ווִינְקְל", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ וֵוייס שׁוֹין פוּן רֶבִּי'ן, ווִיל אִיךְ אַ גַאנְץ יָאר לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אִיךְ זָאל אַ גַאנְץ יָאר פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אַ גַאנְץ יָאר עֶפֶענֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים".

### הוֹשַׁע נָא צִיּוֹן הַמְצֻיֶּנֶת הוֹשַׁעְנָא

אוּן מֶען בֶּעט וַוייטֶער: "הוֹשַׁע נָא צִיּוֹן הַמְצֻיֶּנֶת הוֹשַׁעְנָא"; דָא בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אוֹיךְ זַיין קוּמֶענְדִיגְן יָאר בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן".

### נָאךְ דִי צְוֵוייטֶע הַקָּפָה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען:

טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער! עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּקּוּנֵי זֹהַר, תִּקּוּן ו) אַז דִי אַלֶע וָואס קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, זֵיי בֶּעטְן אוֹיף

אֵייגֶענֶע גֶעבְּרוֹיכְן, זֵיי בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, גֶעזוּנְט, קִינְדֶער, לֶעבְּן וְכוּ׳, זֶענֶען זֵיי צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ הִינְט וָואס שְׁרֵייעֶן: ״הַב״, ״הַב״, וַוייל נִישְׁט דָאס אִיז דֶער עִיקָּר אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן. פְרֶעגְן שׁוֹין אַלֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, וָואס הֵייסְט וֶוען אַ אִיד קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ״אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה״, ״אִיךְ דַארְף קִינְדֶער״, ״אִיךְ דַארְף אַ שִׁידוּךְ״, אִיז עֶר אַזוֹי וִוי אַ הוּנְט וָואס שְׁרֵייט? עֶר בֶּעט דָאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

## אִם כֵּן פַּרְנְסֵנִי כְּכֶלֶב וְכָעוֹרֵב

אִיז מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דָאס מַסְבִּיר (עַיֵּין אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק עח, מִכְתָּב יז אֱלֶף, יח), לוֹיט וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בָּבָא בַּתְרָא ח.), אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ הוּנְגֶער, הָאט רֶבִּי גֶעעֶפְנְט זַיינֶע אוֹצְרוֹת אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן: ״וֶוער עֶס לֶערְנְט חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עַיִן יַעֲקֹב - זֵיי קֶענֶען קוּמֶען נֶעמֶען עֶסְן, אָבֶּער פַאר עַמֵּי הָאַרְצִים גֶעבּ אִיךְ נִישְׁט״, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן. דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא, זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי יוֹנָתָן בֶּן עַמְרָם הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אוּן גֶעקוּמֶען בֶּעטְן: ״רֶבִּי, פַּרְנְסֵנִי״, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, פְרֶעגְט אִים רֶבִּי: ״הָאסְט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ?״ זָאגְט עֶר, ״נֵיין!״ ״הָאסְט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת?״ זָאגְט עֶר וַוייטֶער, ״נֵיין!״ זָאגְט אִים רֶבִּי: ״פַארְוָואס זָאל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶסְן? אִיךְ גֶעבּ דִיר גָארְנִישְׁט!״ הָאט רֶבִּי יוֹנָתָן גֶעזָאגְט: ״אִם כֵּן פַּרְנְסֵנִי כְּכֶלֶב וְכָעוֹרֵב״, גֶעבּ מִיר עֶסְן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט עֶסְן פַאר אַ הוּנְט, רַשִׁ״י אִיז מַסְבִּיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט מִיט רַחְמָנוּת, וְויבַּאלְד קֵיינֶער שְׁפַּייזְט נִישְׁט אַ הוּנְט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט וֶוען אַ הוּנְט עֶסְט הַאלְט זִיךְ דָאס עֶסְן אִין אִים פַאר דְרֵיי טֶעג, אוּן עֶר קֶען לֶעבְּן דְרֵיי טֶעג אָן עֶסְן. הָאט רֶבִּי חֲרָטָה גֶעהַאט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן עֶסְן פַאר יֶעדְן, אֲפִילוּ פַאר עַמֵּי אֲרָצִים.

זָאגְט מוֹהֲרָא״ש, דֶער זוֹהַר אִיז מְלַמֵּד זְכוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוּן בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כָּתְבֵנוּ בְּסֵפֶר פַּרְנָסָה וְכַלְכָּלָה״, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, קוּמֶען דִי מְקַטְרְגִים זָאגְן: וֶוער בִּיסְטוּ? הָאסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין חוּמָשׁ, הָאסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין מִשְׁנָיוֹת, הָאסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין גְמָרָא... זָאגְט

דֶער זֹהַר: "צוֹוְחִין כִּכְלָבִין הַב הַב", מֶען שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן: "דוּ הָאסְט דָאךְ רַחֲמָנוּת אוֹיף אַ הוּנְט, הָאבּ אוֹיךְ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וִוי אַזוֹי זֵיי זֶעעֶן אוֹיס". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער, אוֹיף שִׁידוּכִים וְכוּ׳, נָאר אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט צוּ בֶּעטְן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף אַנְדֶערֶע אִידְן, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט לַיידְן.

### אוֹיבּ דֶער הוּנְט קֶען, קֶען אִיךְ אוֹיךְ

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוֹבֶ׳ער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן 'פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם', אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט אַרוֹיסְגֶעדִינְגֶען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע פוּן אַ פָּרִיץ אוּן עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט וָואס דֶער אִיד הָאט נִישְׁט בַּאצָאלְט דִי רֶענְט פוּנֶעם קְרֶעטְשְׁמֶע, הָאט דֶער פָּרִיץ גֶענוּמֶען דֶעם אִיד מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם וָואגְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְפָארְן אִין שְׁטָאט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶעשְׁלֶעפְּט אוֹיף דֶער עֶרְד, וֶוען דֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעזֶען אִיז עֶר אַרוֹיף גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיפְ׳ן וָואגְן, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן שַׁיין צוּם פָּרִיץ עֶר זָאל בַּאפְרֵייעֶן דֶעם אִיד מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזוּכְט אוֹיפְצוּוַאוֶועקְן דָאס רַחֲמָנוּת פוּנֶעם פָּרִיץ אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אֵיינֶע פוּן דִי שְׁרָצִים[11] פוּנֶעם פָּרִיץ, אוּן אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן גֶעקוּשְׁט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם פָּרִיץ: "דִי מִשְׁפָּחָה זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אִיךְ בֶּעט דִיר לָאז זֵיי אָפּ", דֶער פָּרִיץ אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אָנְגֶעוַואוֶערעמְט פוּן דֶעם צַדִיקְ׳ס דִיבּוּרִים אוּן לִיבְּשַׁאפְט, הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ בַּאפְרֵייעֶן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, עֶר הָאט בַּאפוֹילְן מֶען זָאל זֵיי אוֹיפְבִּינְדְן אוּן לָאזְן פְרֵיי.

דָאס הָאט פַּאסִירְט פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג; שְׁפֶּעטֶער פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס וֶוען דֶער צַדִיק הָאט גֶעדַארְפְט צוּגֵיין צוּם עָמוּד צוּ קַבָּלַת שַׁבָּת, אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן וַוארְטְן אוּן נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן 'לְכוּ נְרַנְּנָה', דֶער עוֹלָם אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג וָואס דָא גֵייט פָּאר, פַארְוָואס הֵייבְּט דֶער רֶבִּי נִישְׁט אָן דַאוֶוענֶען, נָאךְ אַ לֶענְגֶערֶע צַייט אִיז דֶער רֶבִּי צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט

11 דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: א גוי האט נישט קיין קינדער, א גוי האט שרצים...

אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִתְלַהֲבוּת 'לְכוּ נְרַנְּנָה'. נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען אִיז אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידִים צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, וָואס הָאט דָא פַּאסִירְט?" הָאט דֶער רֶבִּי אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וִוי עֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט דֶעם אִיד פוּנֶעם פָּרִיץ, אוּן צוּגֶעלֵייגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעקוּשְׁט מִיט מַיין מוֹיל אַ טָמֵא'נֶעם גוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט גְרוֹיס חֲלִישַׁת הַדַּעַת, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ יֶעצְט מִיט דֶעם מוֹיל וָואס הָאט גֶעקוּשְׁט אַ טָמֵא'נֶעם גוֹי, גֵיין דַאוֶוענֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער? בִּיז אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז אִין פֶּרֶק שִׁירָה שְׁטֵייט (פֶּרֶק שִׁישִׁי): "כְּלָבִים אוֹמְרִים, **בֹּאוּ נִשְׁתַּחֲוֶה וְנִכְרָעָה נִבְרְכָה לִפְנֵי ה' עֹשֵׂנוּ**", הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט 'אוֹיבּ דֶער הוּנְט קֶען זָאגְן דֶעם קַאפִּיטְל (תְּהִלִּים צה) צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אִיךְ אוֹיךְ דָאס זָאגְן', אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען".

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ קֶען מֶען זָאגְן פְּשַׁט אִין זֹהַר וָואס זָאגְט וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פַאר זֵייעֶרֶע גֶעבְּרוֹיכְן אִיז עֶס אַזוֹי וִוי הִינְט וָואס שְׁרֵייעֶן: "הַב, הַב"; וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט 'אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' אַזוֹי וִוי צַדִּיקִים טַייטְשְׁן דֶעם פָּסוּק תְּהִלִּים י, ג): "**כִּי הִלֵּל רָשָׁע עַל תַּאֲוַת נַפְשׁוֹ**", דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט דֶעם רָשָׁע פַאר אַן עָנָיו אַזוֹי וִוי הִלֵּל, כְּדֵי עֶר זָאל וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן נִישְׁט קֶענֶען טוּן קַיין מִצְוַת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

זָאגְט אוּנְז דֶער זֹהַר: שְׁטַארְק זִיךְ, בִּיסְט נִישְׁט עֶרְגֶער פוּנֶעם הוּנְט, אוֹיבּ דֶער הוּנְט קֶען זָאגְן 'לְכוּ נְרַנְּנָה', קֶענְסְטוּ אוֹיךְ! קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִנְחָה, קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אֵיי אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ שְׁמוּצִיג מוֹיל, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, פוּן דֶעסְט וֶועגְן, "**צווֹחִין כִּכְלָבִין הַב הַב**" - אִיךְ שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דֶער הוּנְט, אוֹיבּ דֶער הוּנְט קֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אִיךְ אוֹיךְ.

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט זָאגְן דִי קוּמֶענְדִיגֶע הֵיילִיגֶע הוֹשַׁעְנוֹת וָואס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, לָאמִיר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן גָארְנִישְׁט, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער אִיךְ בִּין, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס אִיךְ בִּין, גְלֵייבּ

איך אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט מִיר אוֹיס, גֵיי אִיךְ אִים בֶּעטְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

## נָאךְ דִי דְרִיטֶע הַקָפָה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען:

**טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער!** מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אַפָּאר מִינוּט וָואס מִיר זֶענֶען דָא אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, נָאכְדֶעם גֵייעֶן מִיר שׁוֹין אַהֵיים זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב, לָאמִיר אוֹיסְנִיצְן דִי פָּאר מִינוּט אֵיידֶער מִיר וֶוערְן פַארְנוּמֶען, מִיטְ'ן בֶּעטְן פַאר זִיךְ, פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, און פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### דִי מִצְוָה פוּן 'תְּפִלָּה'

אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע הוֹשַׁעְנוֹת גֵייט מֶען בֶּעטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שֶׁענְקְן פַּרְנָסָה און שֶׁפַע, הָאבְּן מִיר שׁוֹין פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר זָאגְט, אַז דִי אַלֶע וָואס קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ בֶּעטְן פַאר אֵייגֶענֶע זַאכְן, אוֹיף פַּרְנָסָה, גֶעזוּנְט, קִינְדֶער, זֶענֶען אַזוֹי וִוי הִינְט וָואס שְׁרֵייעֶן: "הַב, הַב", הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶעשְׁמוּעֶסְט, אַז אַלֶע פְרֶעגְן סְפָרִים, וִוי אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַז אַ אִיד וָואס קוּמְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אַזוֹי וִוי אַ הוּנְט, עֶס אִיז דָאךְ אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס פֶעלְט, דָאס אִיז דָאךְ דִי מִצְוָה פוּן 'תְּפִלָּה', תְּפִלָּה מֵיינְט אַז עֶס פֶעלְט מִיר קִינְדֶער דַארְף אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף קִינְדֶער, אַז עֶס פֶעלְט מִיר גֶעלְט דַארְף אִיךְ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּעטְן גֶעלְט, וִוי אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ אַ הוּנְט?!

שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים אַ שֵׁיינֶע פְּשַׁט, לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית ח:), אִין דִי צַייטְן פוּן רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַן אַפֶּעדֶעמְיֶע, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם (רֵישׁ הִלְכוֹת תַּעֲנִית) שְׁרַייבְּט: וֶוען עֶס אִיז דָא אַ צָרָה טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן דָאס אִיז דֶרֶךְ הַטֶבַע, עֶס הָאט סְתָּם אַזוֹי פַּאסִירְט, נָאר דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן מְתַקֵן

גֶעוֶוען מֶען זָאל פַאסְטְן, בֵּית דִּין אִיז גּוֹזֵר תַּעֲנִית, מֶען קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מֶען שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה. אִין דִי צֵייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמֵנִי אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי צָרוֹת, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַגֵּפָה, אוּן אוֹיךְ הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע צָרָה, וַוייל אַז עֶס רֶעגְנְט נִישְׁט אִיז נִישְׁט דָא קַיין תְּבוּאָה, אוּן אַז עֶס וַואקְסְט נִישְׁט קַיין תְּבוּאָה אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֶסְן, אִיז מֶען גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק אוֹיף וֶועלְכֶע צָרָה מֶען זָאל גּוֹזֵר תַּעֲנִית זַיין, וַוייל עֶס אִיז דָא אַן הֲלָכָה מֶען מַאכְט נִישְׁט אֵיין תַּעֲנִית אוֹיף צְוֵויי צָרוֹת אִינְאֵיינֶעם, מֶען נֶעמְט זִיךְ צַאם צוּ תְּשׁוּבָה טוּן נָאר אוֹיף דִי שְׁטֶערְקֶערֶע צָרָה. דֶער עוֹלָם הָאט גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן דִי מַגֵּפָה, וַוייל דָאס אִיז לִכְאוֹרָה וִויכְטִיגֶער פוּן פַּרְנָסָה, הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמֵנִי גֶעזָאגְט: נֵיין, מֶען זָאל גּוֹזֵר תַּעֲנִית זַיין עֶס זָאל קוּמֶען רֶעגְן, וַוייל "דְּכִי יָהִיב רַחֲמָנָא שׁוּבְעָא לְחַיֵּי הוּא דְּיָהִיב", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה אִיז עֶס פַאר לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, קוּמְט אוֹיס אַז פַּרְנָסָה אוּן לֶעבְּן זֶענֶען נִישְׁט צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן, נָאר אַז מֶען בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה מֵיינְט עֶס שׁוֹין אוֹיךְ אַז דִי מַגֵּפָה זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן.

טַייטְשְׁן מִיט דֶעם צַדִּיקִים, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט בְּלוֹיז צוּ בֶּעטְן אוֹיף גַּשְׁמִיּוּת אִיז עֶר טַאקֶע אַזוֹי וִוי אַ הוּנְט וָואס שְׁרֵייט: "הַב, הַב", אָבֶּער וֶוען אַ אִידִישׁ קִינְד בֶּעט זַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן, פַארְוָואס דַארְף עֶר פַּרְנָסָה? פַארְוָואס דַארְף עֶר קִינְדֶער? פַארְוָואס דַארְף עֶר אַ הוֹיז? דִי אַלֶע זַאכְן דַארְף עֶר נָאר צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי אַ אִיד אִיז 'גַּשְׁמִיּוּת' אוּן 'רוּחָנִיּוּת' נִישְׁט צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן, נָאר אֵיין זַאךְ, וֶוען עֶר בֶּעט זַיינֶע גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן מֵיינְט עֶר אוֹיךְ 'רוּחָנִיּוּת'.

### פַארְוָואס דַארְף אִיךְ 'פַּרְנָסָה'?

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס דַארְף אִיךְ 'פַּרְנָסָה'? כְּדֵי אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אִיךְ זָאל הָאבְּן אוֹיף שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעלְט פַאר אִידִישֶׁע שִׂמְחוֹת, אִיךְ זָאל קֶענֶען קוֹיפְן אִידִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן אִידִישֶׁע עֶסְן וְכוּ' וְכוּ', קוּמְט אוֹיס דִי גַאנְצֶע גֶעלְט דַארְף אִיךְ נָאר פַאר דִיר, לְמַעַנְךָ אֱלֹקֵינוּ, דִי

גַאנְצֶע גַשְׁמִיּוּת אִיז נָאר פַאר׳ן כְּבוֹד שָׁמַיִם! וֶוען אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען אַ אִיד וָואלְט אִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן אַוֶועק גֶעלָאפְן וַוייט אַוֶועק אוּן עֶס וָואלְט מִיר גָארְנִישְׁט גֶעקָאסְט מַיין לֶעבְּן, לָאמִיר זִיךְ אַיינְווִיקְלֶען אוּנְטֶערְן טַלִּית אוּן בֶּעטְן שְׁטִילֶערְהֵייט: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה״, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ פַאר אַלֶע אִידְן פַּרְנָסָה״.**

**פַארְוָואס דַארְף אִיךְ קִינְדֶער?**

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס דַארְף אִיךְ קִינְדֶער? נָאר פַאר דִיר, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.

**פַארְוָואס בֶּעט אִיךְ אַ ׳שִׁידוּךְ׳?**

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס בֶּעט אִיךְ אַ ׳שִׁידוּךְ׳? פַארְוָואס וִויל אִיךְ חֲתוּנָה הָאבְּן? נָאר וַוייל אִיךְ בִּין אַ אִיד, אַ גוֹי הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, וֶוען אַ גוֹי וֶוערְט עֶלְטֶער אוּן הָאט חֲתוּנָה וֵוייסְט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט פַארְוָואס עֶר הָאט חֲתוּנָה... דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן אִיז אַ זַאךְ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן חֲתוּנָה הָאבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן זַיין עֶרְלִיךְ. פַארְוָואס דַארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער שִׁידוּכִים, זָאלְן זֵיי חֲתוּנָה הָאבְּן בַּיי דִי דְרַייסִיג פֶערְצִיג, וַוייל אִיךְ וִויל הָאבְּן רֵיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, אִיךְ וִויל זֵיי זָאלְן זֵיי אָפְּגֶעהִיטְן.

יֶעדֶע טַאטֶע מַאמֶע דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט בִּקְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, זֵיי זָאלְן נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין עֲבֵירוֹת, אוֹיךְ דַארְף מֶען מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אַלֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אַלֶע זָאלְן טְרֶעפְן שִׁידוּכִים.

אַז מִיר זֶענֶען דָא אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן מוֹהֲרָא״ש, מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן. מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: ״וָואס דַארְפְסְטוּ מַאכְן נֵייעֶ זַאכְן? וָואס פֶעלְט אוֹיס חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זוּכְן אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ רֶעדְן?!״ דוּ וֵוייסְט אָבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַוֶועק גֶעשִׁיקְט בָּחוּרִים? וֶוען אַ בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַוֶועק גֶעשִׁיקְט אוּן גֶעזָאגְט: ״קוּם צוּרִיק מִיט אַ טַלִּית״, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זַיין

הֵיילִיג, אוּן הֵיילִיג קֶען מֶען נָאר זַיין אוֹיבּ מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט, הֵיילִיג קֶען מֶען נָאר זַיין אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ מַאן מִיט אַ וַוייבּ, אַזוֹי זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. לָאמִיר אוֹיסְבֶּעטְן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה מֶען מֶען זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט.

### פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַ הוֹיז, אַ קַאר

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַ הוֹיז, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַ קַאר, אַלֶעס דַארְף אִיךְ נָאר פַאר דִיר, פַאר מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ דַארְף אִיךְ גָארְנִישְׁט, וַוייל בַּיי אַ אִיד אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ בְּלוֹיז פַאר גַשְׁמִיּוּת, אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף אִיז עֶס נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי קַאר דַארְף אִיךְ וַוייל אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ דַארְף טְרָאגְן מַיין וַוייבּ, אִיךְ דַארְף טְרָאגְן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ דַארְף גֵיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיךְ דַארְף גֵיין בַּאזוּכְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַלֶעס אִיז פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

דֶערְפַאר זֶענֶען דִי אַלֶע זַאכְן נִישְׁט אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר זָאגְט אַז עֶס אִיז אַזוֹי וִוי דָאס גֶעשְׁרֵיי פוּן אַ הוּנְט, וַוייל אִין דִי גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן לִיגְט שׁוֹין אוֹיךְ רוּחָנִיּוּת.

לָאמִיר אוֹיסְנִיצְן דִי פָּאר מִינוּט וָואס מִיר הָאבְּן נָאךְ דָא, בַּאלְד דַארְף מֶען שׁוֹין לוֹיפְן אָנְגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שֶׁפַע, וֶוער הָאט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן וָואס הָאט פַּאסִירְט דֶעם יָאר, דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שָׁאקְל, יֶעצְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין קַארְס, וֶוער וֵוייסְט וָואס גֵייט זַיין מָארְגְן, עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין פְלֵייש אוּן פִישׁ... אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט אַ גוּטֶע יָאר.

### נָאךְ דִי זֶעקְסְטֶע הַקָּפָה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען:

**טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער!** מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט שׁוֹין מַמָשׁ בַּיים סוֹף פוּן דִי הוֹשַׁעְנוֹת, מֶען גֵייט נָאךְ אֵיינְמָאל אַרוּמְגֵיין דִי בִּימָה, בֶּעט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר, עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט מֶען דַארְף שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין אָנְגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב, אָבֶער הֶערְט

נָאךְ אוֹיס דִי לֶעצְטֶע פָּאר וֶוערְטֶער וָואס מִיר רֶעדְן יֶעצְט, דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיג אִין לֶעבְּן.

## בִּזְכוּת אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע צַדִיקִים

מֶען גֵייט יֶעצְט זָאגְן מוֹרָא׳דִיגֶע וֶוערְטֶער אִין דִי הוֹשַׁעְנוֹת, מֶען גֵייט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "לְמַעַן אֵיתָן הַנִּזְרָק בְּלַהַב אֵשׁ", הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דֶער שְׁטַארְקֶער צַדִיק אַבְרָהָם אָבִינוּ, וָואס הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אַרַיין וַוארְפְן אִין פֵייעֶר מִיט שְׁטַארְקֵייט, זִיךְ נִישְׁט צוּ בִּיקְן צוּ נִמְרוֹד, "לְמַעַן בֵּן הַנֶּעֱקַד עַל עֵצִים וָאֵשׁ", הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת יִצְחָק אָבִינוּ, וָואס הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט בִּינְדְן אוֹיפְ׳ן מִזְבֵּחַ פַּארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לְמַעַן גִּבּוֹר הַנֶּאֱבַק עִם שַׂר אֵשׁ", הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת יַעֲקֹב אָבִינוּ, וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאגְן מִיט שְׁטַארְקֵייט מִיטְ׳ן שַׂר פוּן עֵשָׂו; מֶען בֶּעט דָא דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז הֶעלְפְן בִּזְכוּת אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע בְּרִידֶער! וואוּיל אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז דָבוּק צוּ אַ צַדִיק, וואוּיל אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, וואוּיל אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב זַיינֶע, עֶר מִיט זַיין ווַייבּ אוּן זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעבּוֹיט אוֹיף צַדִיקִים, מֶען אִיז דָבוּק צוּם צַדִיק, מֶען רֶעדְט פוּנֶעם צַדִיק, מֶען לֶעבְּט מִיטְ׳ן צַדִיק.

## זַיין גַאנְצֶע שְׁטוּב אִיז פוּל מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶועוֶן אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּם רֶבִּי׳ן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, אִיז עֶר אִינְמִיטְן וֶועג אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע וָוארְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי דֶעם אִיד אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ, זַיין גַאנְצֶע שְׁטוּב אִיז פוּל מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן; נִישְׁט נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס גֵייט אַמָאל צוּם רֶבִּי׳ן וֶוען מֶען דַארְף אַן עֵצָה אָדֶער חִיזוּק, נָאר דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב אִיז גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף אֱמוּנַת חֲכָמִים, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב לֶעבְּט מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן".

טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער! מֶען דַארְף וִויסְן, מִיר אַלֵיינְס קֶענֶען גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט אַזַא יֵצֶר הָרַע, מִיט אַזַא גָלוּת, נָאר אַז מֶען הָאט אַ צַדִיק, אָן אַ צַדִיק קֶען אַ מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט, אָן אַ צַדִיק פְלִיט אַ מֶענְטְשׁ אַוֶועק מִיט דִי וִוינְט, מֶען וֶוערְט מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט

די גַאס, מֶען וֶוערְט מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיטְ׳ן גוֹי, און מֶען וֶוערְט מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט דֶעם גָלוּת.

נִיתְּי סֵפֶר וְנֶחֱזֶה; בְּרֶענְגְט מִיר אַ מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ אָן אַ צַדִּיק, פְּרוּבִּירְט מִיךְ אָפְּצוּפְרֶעגְן, זוּכְט אוֹיבּ אִיר קֶענְט טְרֶעפְן אַזַא מִשְׁפָּחָה; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ, אָן אַ צַדִּיק אִיז גָארְנִישְׁט דָא, מִיר לֶעבְּן נָאר בִּזְכוּת צַדִּיקִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט: **״וָואס בִּין אִיךְ דֶען? אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי אַ נַנָּס** (נָאר אַ נִידְרִיגֶער מֶענְטְשׁ) **וָואס זִיצְט אוֹיף אַ רִיז, אִיךְ זִיץ אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן״.**

אַז מֶען אִיז דָבוּק צוּ אַ צַדִּיק, מֶען קוּקְט אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים צוּ זֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, צִי אִיךְ זָאל טוּן אַזוֹי אָדֶער אַזוֹי, צִי אִיךְ זָאל מְחַנֵךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי אָדֶער אַזוֹי, בַּיי יֶעדֶע זַאךְ טְרַאכְט מֶען ׳וָואס זָאגְט דֶער צַדִּיק?׳ און אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט, גֵייט מֶען פְרֶעגְן, אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן מַיין שְׁטוּבּ, וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן מַיין לֶעבְּן און יֶעדֶע זַאךְ - אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין אַלֶע נִסְיוֹנוֹת.

מִיר לֶעבְּן הַיינְט אִין אַ בִּיטֶערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, מִיר זֶענֶען **״כְּבוּשָׁה בַגּוֹלָה״** גוּט אַיינְגֶעוֵוייקְט אִין גָלוּת, יֶעדֶער הָאט הַיינְט אַ מֵייק, הַיינְט קֶען יֶעדֶער זָאגְן דֵעוֹת, כַאפְּט מֶען זִיךְ נִישְׁט, מֶען הֶערְט אוֹיס דֶעם און מֶען הֶערְט אוֹיס יֶענֶעם, בִּיז מֶען וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט וָואס אִיז תּוֹרָה׳דִיג גֶעטְרַאכְט, וָואס אִיז אִידִישׁ גֶעטְרַאכְט, וָואס אִיז קְדוּשָׁה גֶעטְרַאכְט, און וָואס אִיז גוֹי׳אִישׁ גֶעטְרַאכְט; מֶען הָאט אַ טֶעלֶעפָאוֹן, מֶען הָאט אַ קָאמְפְּיוּטֶער און אֲפִילוּ מֶען וִויל זַיין גוּט, מֶען וִויל נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט, וֶוערְט מֶען מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט דִי גוֹיִים, דַארְף מֶען זַיין דָבוּק צוּ צַדִּיקִים.

אִין אַלֶע דוֹרוֹת הָאט מֶען גֶעזֶען, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען דָבוּק צוּ צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט צַדִּיקִים, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען

צוּם צַדִּיק, אוּן גֶעלֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם צַדִּיק הָאבְּן אִיבֶּער גֶעלָאזְט קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס פִירְן זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

## אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט אַלֶעס

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן צַדִּיקִים, מִיר זָאלְן נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן קַיין צַדִּיקִים, מִיר זָאלְן נִישְׁט הֶערְן קַיין לֵיצָנוּת אוֹיף צַדִּיקִים, מִיר זָאלְן וִויסְן אַז "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט אַלֶעס"; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לו): **"דְּזֶה הוּא כְּלָל גָּדוֹל, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְשׁוּם אָדָם לְהַשִּׂיג וְלִתְפֹּס בְּדִבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק, אִם לֹא שֶׁתִּקֵּן תְּחִלָּה אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ כָּרָאוּי, וַאֲזַי יָכוֹל לְהָבִין וְלִתְפֹּס דִּבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק"**, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אִין אַ צַדִּיק אוֹיבּ עֶר הָאט אֵיינְמָאל גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, לָאמִיר זִיךְ נִישְׁט פָּאפְּן, לָאמִיר זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, מִיט אוּנְזֶער מֹחַ קֶענֶען מִיר גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם צַדִּיק אוּן מֶען לַיינְט זִיךְ אָן אוֹיף אִים.

## וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

לָאמִיר אַבִּיסֶעלֶע וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר גֶעבְּן אַבִּיסֶעלֶע טְרֶערְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, יֶעדֶע טְרֶער וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע טִפּוֹת וָואס מֶען הָאט מוֹצִיא גֶעוֶוען לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה, בַּאשַׁאפְט עֶר קְלִיפּוֹת וָואס לָאזְן אִים נִישְׁט אָפּ; דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פְּלוּצְלִינְג אַרַיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע מָאד, דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּן מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַלֶעס קוּמְט פוּן דִי טִפּוֹת וָואס הָאט עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען בַּיים דַאוֶונֶען (מוּסָף לְשָׁלֹשׁ רְגָלִים): **"וְקָרֵב פְּזוּרֵינוּ מִבֵּין הַגּוֹיִם, וּנְפוּצוֹתֵינוּ כַּנֵּס מִיַּרְכְּתֵי אָרֶץ"**.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן יֶעצְט בַּיי דִי הוֹשַׁעְנוֹת אוֹיס'פּוֹעֶל'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ גוּט קְוִויטְל, אוּן אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין נִישְׁט נָאר צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, נָאר אוֹיךְ שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן

שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶּער, אוּן יֶעדֶער זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער. אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אוּן אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ, קֶען מֶען זִיךְ יֶעצְט אוֹיסְבֶּעטְן.

## מַאכְן קַבָּלוֹת...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין הַיינְט בַּיינַאכְט טַאנְצְן דִי הַקָּפוֹת אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פִּנַּת יִקְרַת, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, עֶס אִיז אַזַא שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן חוּמָשׁ, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן כָאטְשׁ אֵיינְמָאל מִשְׁנָיוֹת, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן כָאטְשׁ אֵיין מַסֶכְתָּא גְמָרָא, אוּן בַּאלְד וֶועל אִיךְ שׁוֹין עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ״ס, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ בִּין דָבוּק צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז בִּזְכוּת כֹּחַ הַצַּדִּיק, אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט, אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס קֶען טוּן אֵיין זַאךְ, מַאכְן קַבָּלוֹת... מֶער פוּן דֶעם גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס אוֹיסְצוּפִירְן, מֶען הָאט אַ שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרָע, אָבֶּער אַז מֶען הָאט אַ צַדִּיק קֶען מֶען אַלֶעס בֵּייקוּמֶען, וַוייל דֶער צַדִּיק אִיז הֶעכֶער אַלֶעס, ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דֶעם לָשׁוֹן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ה): ״דֶער צַדִּיק אִיז הֶעכֶער גִיוֶוען פוּן אַלֶע מְכַשְּׁפִים״, דֶער צַדִּיק אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע טוּמְאָה, פוּן אַלֶע כִּישׁוּף, דֶער צַדִּיק אִיז הֶעכֶער אַלֶעס. אַז מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ צַדִּיק, מֶען וֶועט זַיין דָבוּק צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרוּמְגֵיין נָאךְ אֵיינְמָאל דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן נָאךְ אֵיינְמָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הוֹשַׁעְנָא״, הֶעלְף אוּנְז בִּזְכוּת אַלֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. לָאמִיר אוֹיךְ בֶּעטְן פַאר אַנְדֶערֶע, לָאמִיר בֶּעטְן פַאר אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּצוּקוּקְן דִי צַעַר פוּן בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף שִׁידוּכִים, מַמָשׁ דָאס הַארְץ פְּלַאצְט פַאר צַעַר, לָאמִיר בֶּעטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת מַאךְ שִׁידוּכִים פַאר אַלֶע בָּחוּרִים, עֶס אִיז פַאר דַיינֶעט וֶועגְן״, לָאמִיר בֶּעטְן אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵוייטְן אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן קִינְדֶער.